בס"ד

מאמר

# חנוכה

## קלארקייט און ליכטיגקייט אינעם יו"ט חנוכה

אור הגנוז • מדת ההוד
נר חנוכה • הלל והודאה

שיעור ע"י הרה"ג ר'
**ישראל בער שטיין**
שליט"א

דומ"ץ ביהמ"ד אמרי נועם
דקיט"ל - קרית יואל

נלמד ליל שישי פ' וישב תשפ"ו לפ"ק
בביהמ"ד הגדול קרית יואל

מאמר

# חנוכה

## קלארקייט און ליכטיגקייט
## אינעם יו"ט חנוכה

אור הגנוז • מדת ההוד
נר חנוכה • הלל והודאה

שיעור ע"י הרה"ג ר'
**ישראל בער שטיין**
שליט"א

דומ"ץ ביהמ"ד אמרי נועם
דקיט"ל - קרית יואל

נלמד ליל שישי פ' וישב תשפ"ו לפ"ק
בביהמ"ד הגדול קרית יואל

הערט דעם גאנצן שיעור אויף

**'קול יושבי אוהל'**

**605.477.4444** #2\2\2\2\2

ארויסגעגעבן דורך מכון

**אביטה**

845.600.0242

mechonobeatu@gmail.com

# תוכן הענינים:


## פרק א' | תכין לך הדרך: דער צוגאנג צו חסיד'ישע בחינות און בפרט צו א יום טוב ______ 7

גאנץ חנוכה דרייט זיך ארום 'אורות' • מען דארף גוט אפלערנען און פארשטיין די חסיד'ישע ספרים • די חסיד'ישע ספרים קומען אויסבויען דעם 'שכל' און דאס איז שוין משפיע אויפן 'הרגש' • אויב נעמט מען עס בלויז צום 'הרגש' - פארשטייט מען נישט וואס מען לערנט • די הבחנות צו זען צי מען פארשטייט באמת וואס דער חסיד'ישע ספר זאגט • די הכנה צום יו"ט מיט חסיד'ישע ספרים - איז א געהעריגע לימוד לערנען אויפן יו"ט ברענגט א 'תשוקה' צום יו"ט און אן ערוואקסענעם 'קשר' צום יו"ט • די תשוקה צו א זאך איז די 'כלי' אריינצונעמען דעם 'אור' • דער איד וועלכער האט נישט געהאט קיין קשר צום בעש"ט - כאטש ער האט אים יעדן טאג געזען • דער איד וועלכער האט געהאט א מורא'דיגן קשר - כאטש ער האט אים געזען נאר איינמאל • אלץ ווענדט זיך צי ער זוכט צו האבן קשר • אויב ווארט מען אויפן יו"ט - באקומט מען קשר צום יו"ט • די 'תשוקה' איז נולד געווארן פון דער 'ידיעה' איבער דעם גרויסקייט פון בעש"ט • לערנען חסיד'ישע ספרים אויף יו"ט ברענגט א 'ידיעה' וועלכע ברענגט א 'תשוקה' • אָן לערנען חסיד'ישע ספרים איז זיין קשר צום יו"ט זייער אויבערפלעכליך • אויב אנטון א שטריימל מיינט חתונה האבן - האט ער קיינמאל מיט חתונה נישט געהאט קיין שייכות • אויב יו"ט מיינט נאר א ווארעמקייט - האט ער נאכנישט טועם געווען א 'טעם יום טוב' • מען דארף לערנען חסיד'ישע ספרים בעיון • די הויכע ווערטער קומט פון אר"י הק' און די חסיד'ישע ספרים פרובירן דאס אראפצוברענגען צו אונזער מדריגה • נישט לערנען 'איבערצוזאגן' נאר לערנען זיך זעלבסט מדריך צו זיין • א מענטש דארף וויסן וואו ער שטייט • אויב ווייסט מען נישט דעם פראבלעם פונעם קאר - וועט מען יעדע צוויי וואכן זיין ביים מעכאניקער • דער ריכטיגער דאקטער זוכט אויף דעם 'שורש' פון דער קרענק • דער יו"ט האט אין זיך געוואלדיגע מעדעצינען - אבער מיר דארפן וויסן פון וואס מיר ליידן • אלעמאל דארף מען פרעגן: וואס וואלט געווען שלעכט אָן דער בחינה?

## פרק ב' | ספיר גזרתם יחד מאירות: די 'עשר ספירות' זענען באשאפן צו מגלה זיין דעם רבוש"ע ______ 15

נישטא עפעס אנדערש אויסער 'עשר ספירות' • אלע 'עשר ספירות' זענען געווארן 'מקולקל' • וואס מיינט א 'קלקול'? • דער ציל פון דער בריאה - מגלה זיין דעם אויבערשטן • דער 'גילוי' פונעם אויבערשטן איז בלויז דורך זיינע 'עשר ספירות' • לויטן פלאן פון 'תחלת הבריאה' וואלט די גאנצע מציאות פון וועלט אויסגעשריגן ה' אחד • די בריאה איז געווארן פארדרייט - עס פארדעקט אנשטאט צו אויפדעקן • יעדע מדה ציהט אוועק דעם מענטש פונעם אויבערשטן • דער 'ספירת החסד' איז היינט דער וועלכער שלעפט מענטשן צו תאוות • אידישע נשמות האבן די אויפגאבע צו פאררעכטן די 'עשר ספירות' און אלע עולמות • דורכדעם וואס מיר זענען מברר אונזערע מדות צום אויבערשטן - ווערט נתברר די מדות פון די עולמות העליונים • יעדער מענטש האט א

חלק בריאה וואס ער איז דער איינציגסטער וועלכער קען דאס מתקן זיין • יעדער תיקון האט זיך זיין צייט • די וועלט איז איינגעטיילט אויף זיבן טויזנט יאר • יעדע טויזנט יאר ווערט צוטיילט אויף צען חלקים • יעדע הונדערט יאר ווערט נאכאמאל צוטיילט אויף צען חלקים • יעדעס יאר ווערט צוטיילט קעגן צוויי מאל זעקס ספירות • עס איז נאך קיינמאל נישט געווען די זעלבע דאווענען

פרק ג' | **אלה מועדי ה': דער אינערליכער באדייט פון די זיבן ימים טובים** 20

די זיבן עולמות וועלכע ווערן פארראכטן דורך די זיבן ימים טובים • דער סדר בפרטיות - יעדער יום טוב מיט זיין מדה • יו"ט פסח גיבט א כח צו פארריכטן די אהבה - עס זאל זיין בלויז צום אויבערשטן • נישט אלעמאל האט מען דעם סייעתא דשמיא ווי אין א יום טוב • דער 'נס' פונעם יו"ט האט דירעקט שייכות צו דער מדה פונעם יו"ט • פורים איז דער נס געווען אין דער ספירה פון 'נצח' • מען דארף זיין מקושר צו יו"ט א גאנץ יאר - כדי צו נעמען פון דארט כוחות

פרק ד' | **הודך והדרך: דער באדייט פון 'מדת הוד' און אלעס ארום איר תיקון** 24

די דריי טייטשן פון 'הוד' • די נקודה פון 'הוד' - זיך איינבייגן צום אמת • מען קען אנקוקן די בריאה מיט א חיצוניות'דיגע בליק - 'טבע' • א איד דארף אנקוקן די וועלט מצד איר אמת - די השגחה פרטית און דער פנימיות • די צוויי סארט שיינקייטן שלאגן זיך און ווילן דער מענטש זאל זיך מכניע זיין בלויז צו אים • 'הוד דקליפה' - זיי זיך מבטל צום חיצוניות • לעבן מיט פנימיות פאדערט 'הכנעה' פונעם 'ישות' • בתחלת הבריאה איז 'הוד' געווען א כח וואס דורכדעם איז דער רבוש"ע נתגלה געווארן • נאכן קלקול איז 'הוד' עפעס וועלכע העלפט צו צום הסתר פנים • רשב"י איז מגלה 'פנימיות התורה' - הוד שבהוד • פרטים וואו עס קלאפט אויס 'מדת הוד' • מיטן אויג זעט מען נישט דעם חילוק בין ישראל לגוים • מיטן אויג זעט מען נישט דעם חילוק צווישן שבת און ימי החול • מיטן אויג זעט מען בלויז די שיינקייט פון 'כמות' • נאכן בעטן דארף מען זאגן 'באשעפער טוה וואס דו פארשטייסט' • נאך א גאנצע שמונה עשרה בייגט מען זיך און מען זאגט 'מודים' • 'הודאה' איז א 'הכנעה' - צו דאנקען אויך אויף מען האט נישט באקומען • נאר א איד קען דאנקען אויפן 'נישט' • עס איז נאך שווערער צו דאנקען אויפן 'יא' ווי אויפן 'נישט' • דאנקען אויף וואס ער האט 'יא' - איז א סתירה מיט זיין 'כחי ועוצם ידי' • וואו באגעגענען מיר זיך טעגליך מיט א נסיון פון 'הוד'? • די צוויי 'דרכים' אין עבודת ה' - 'נצח' און 'הוד' • דער דרך פון נצח - זיך שלאגן קעגן דעם 'רע' ביז מען איז אים מנצח • דער דרך פון 'הוד' - ווערן 'בטל' צום ליכטיגקייט פונעם אמת • פארוואס איז דער 'דרך ההוד' אזא שוואכער מהלך היינט? • ווייל ער איז געווארן נפגם צוזאמען מיטן 'גיד הנשה' • 'הוד' האט געליטן א 'פגם' אפילו אין זיינע 'חלקי הטוב' • אין 'מדת ההוד' הערשט די גרעסטע חושך

פרק ה' | **מחץ מתנים קמיו: אור החנוכה איז 'הוד דקדושה' – וועלכע איז מכניע 'הוד דקליפה'** 32

חנוכה איז 'ליכט' - אויב עס איז ליכטיג ווערט מען ממילא בטל צום אור • געוועגליך ווען מען איז מיד קען מען נישט אויפשטיין מיט 'דרך ההוד' נאר מיטן 'דרך הנצח' • אבער ביי מקומות הקדושים קען מען יא אויפשטיין דורך 'מדת ההוד' • דער אור פון חנוכה באלייכט די גאנצע אמונה פון א איד אויפן 'דרך ההוד' • דורך חנוכה קען מען אנהייבן נוצן 'דרך ההוד' אויך א גאנץ יאר • קליפת יון איז דער 'הוד דקליפה' וועלכע פאדערט זיך מבטל צו זיין צום חיצוניות • 'חכמת יון' איז בלויז צו דעקן זייערע כפירות אינעם רבוש"ע • יון איז טונקל - מען זעט נישט וואס עס ליגט דא פארנט פון מיר • איבערטייטשן תורה אויף יונ'יש - די תורה האט נישט קיין קדושה און פנימיות • מתתיהו כהן גדול איז געווען 'נשמת יששכר' - וועלכער האט עוסק געווען בתיקון הוד • די חשמונאים קוקן בכלל נישט אויף 'טבע' • דאס ארויסגיין אין א מלחמה קעגן מיליאנען מענטשן שטימט נישט מיט 'חוקי הטבע' • דאס אנצינדן די מנורה איז געקומען פון איגנארירן דעם חיצוניות • די חשמונאים האבן געברענגט א כח צו מתקן זיין 'הוד הפגום' • דער חסיד'ישער דרך - צו מאכן ליכטיג אידישקייט און אויטאמאטיש ווערט מען בטל דערצו • חסיד'ישע ספרים ברענגען ביי אונז אריין דעם רבוש"ע פון א ליכטיגן ווינקל • חנוכה האט שייכות מיטן אור הבעש"ט און אורו של משיח • היינט איז דא א געוואלדיגער ביקוש אויף פנימיות • ווי נענטער צו משיח ווערט מער נתגלה 'אור החנוכה' • מיט יעדע חנוכה וואס גייט אריבער - ווערט דער 'הוד' מער מתוקן

פרק ו' | **ימי חנוכה אלו להודות ולהלל: די עבודה פון 'הלל' – ארויסזאגן דעם ביטול צום אמת** 39

הדלקת הנרות איז אויך א חלק פונעם הלל • דער עיקר מצות היום איז דער הלל • מיטן דאנקען איז ער מודה צום אמת - דארט וואו עס טוט זיך אפ א גרויסע הכחשה • הלל שרייט: עס איז גארנישט פארהאן אויסער דער אויבערשטער! • בלויז חנוכה קען מען אנקומען צום שלימות פון 'הודאה' בלב שלם • אויב איז זיין חנוכה הלל פונקט ווי א ר"ח הלל - איז ער נישט מיין רבי • דער הלל פון א חנוכה דארף צוגיין מיט אזא מצב ווי דער מגילה פורים • די לעכט צינדן ווייזט אז מען גלייבט אין 'נס' - היפוך טבע • די מצוות היום קומען פון הוד און ברענגען הוד • מען דארף לעבן א גאנצן חנוכה מיט דער ביטול צום אמת - נישט בלויז בשעת הלל און הדלקת הנרות • די יוונים קומען אָן אויך אינמיטן יאר • מען דארף אלעמאל זיין גרייט צו זיין א 'חשמונאי'

פרק ז' | **שלח אורך ואמתך: די עבודה פון הדלקת נר חנוכה** 43

רגל מן השוק - דעמאלט איז ממש אן 'אור הרגל' • די שינויים פון 'אור החנוכה' וואס מען געפונט נישט ביי קיין אנדערן שבת ויו"ט • די דריי 'יחודים' - די גרעסטע מאס התקרבות צם אויבערשטן • מיר ווערן נישט דערהויבן - דער אור קומט אראפ צו אונז אינדערהיים • ער האט געשפירט ווי עס איז געווען א גן עדן • די האלבע שעה ביי די לעכט שעפט מען זיך אָן מיט די העכסטע אורות • מיטן צינדן חנוכה לעכט רופט ער אויס אז די 'טבע' איז בלויז א דמיון - 'תיקון ההוד' • זיך איינבייגן צו דער מנורה - א הכנעה צום אמת • ביי חסידים צינדט מען אינעווייניג - מען מאכט ליכטיג דעם 'פנימיות' • די

עבודה פון זיצן ביי די לעכט איז אן עבודה פון מחשבה • מען נעמט אריין די שטראלן פונעם אור הגנוז • דער גאנצער מושג 'פייער' איז א כח וואס איז גנוז אין דער פנימיות הבריאה • זינגען זמירות - נאך א וועג וויאזוי ארויסצוגעבן די 'הודאה' - תיקון ההוד • מען ברענגט ארויס דעם אמת וועלכע ליגט באהאלטן אין די פיר גלות'ן • 'בטחון' איז דער פועל יוצא פון א שטארקע 'תיקון ההוד' • מען איז מוסיף אויף די עזרה - מען מאכט אונזער היים פאר א בית המקדש • פרסומי ניסא איז אזוי וויכטיג ביז צו פארקויפן די בגדים דערפאר • אויב אזוי, פארוואס 'כבתה אין זקוק לה'? • זיין בטל צום 'דעת תורה' איז וויכטיגער פון 'פרסומי ניסא' • יעדעס מאל וואס א איד איז זיך מבטל צום 'דעת תורה' ווערט יעצט חנוכה • פארוואס פרעגט ער 'מאי חנוכה' ערשט צום סוף? • דער עיקר חנוכה איז: קודם צינדט מען - אפילו אויב מען ווייסט נישט וואס חנוכה איז • דער ערשטער טאג איז כולל גאנץ חנוכה • פונקט דער ערשטער טאג ווייסט מען נישט קלאר פארוואס מען צינדט • אט דאס איז דער נקודה פון חנוכה • יסוד פון חנוכה: נישט ווערן נתפעל פון חיצוניות • די אייגענע געפילן ביי די חנוכה לעכט איז אויך 'חיצוניות' און מען טאר פון דעם אויך נישט נתפעל ווערן • אור החנוכה קומט אראפ נידריג - טראץ וואס דער חיצוניות'דיגער מצב זעט נישט אויס אזוי • אורו של משיח וועט מגלה זיין למפרע אז עס איז קיינמאל קיין ריחוק נישט געווען • דער אור גייט קעגן אלע 'חוקי טבע רוחניים' - וויבאלד די חשמונאים זענען געגאנגען קעגן אלע 'חוקי הטבע'

## פרק ח' | כי ארכה לנו השעה: יו"ט חנוכה גיבט אונז חיזוק ספעציעל היינטיגע צייטן 52

ווי שווער עס איז א גאנץ יאר - אזוי לייכט איז עס חנוכה • פון חנוכה נעמט מען כח אויף א גאנץ יאר • פון חנוכה דארף מען נעמען חיזוק אויף די פשוט'ע ווינטערדיגע וואכן טעג • וויאזוי קען מען זיין בטל צו פנימיות - בשעת ווען מען איז שקוע אין חיצוניות? • אפילו אויב בגשמיות ביסטו שקוע אין חיצוניות - זיי נישט שקוע אין די חיצוניות'דיגע כללים פון עבודת ה' • אין די טרוקענע זמנים מוז מען זיך מחזק זיין מיט חנוכה - מען וויל מיר יא פון הימל • דער כח פון כלל ישראל אין אזא לאנגער גלות - אור החנוכה נישט צו קוקן אויפן חיצוניות'דיגן בילד • קליפת אמעריקע איז קליפת יון - מען מאכט א מצב פונעם חיצוניות • אין דער היימישער גאס קומט אויך אריין דער קליפה פון אמעריקע • אור החנוכה גיבט אונז כח צו זיין שטארק דערקעגן א גאנץ יאר • דער יו"ט חנוכה מאכט אז דאס גאנצע יאר זאל זיין אנדערש • די גאנצע וועלט איז רמזים אויף קרבת ה' • די סעילס שרייען צו אונז: עס זענען טעג וואס מען קען כאפן גרויסע מציאות! • דער זיידע פון אויבן טיילט השפעות טובות! • דער גרויסער טאטע לאזט זיך אראפ צו דער דרגא פון די קינדער • דער טאטע וויל אז אלע קינדער זאל קומען צוזאמען צו דער מסיבה - לא ידח ממנו נדח

פרק א'

# תכין לך הדרך: דער צוגאנג צו חסיד'ישע בחינות און בפרט צו א יום טוב

## גאנץ חנוכה דרייט זיך ארום 'אורות'

חנוכה איז זמן וואס יעדער איז פארנומען מיט די 'אורות' וואס קומען אראפ אין דעם יום טוב. אלע ספרים רעדן פון די גרויסע אורות, און אז די אורות קומען אראפ גאר נידריג, 'למטה מעשרה טפחים'. און געווענליך, ווען צוויי חסיד'ישע אינגעלייט טרעפן זיך אין חנוכה, פרעגט מען: "נו, וויאזוי גייט די 'אורות'?". מען דארף זיך אבער מתבונן זיין און אריינטראכטן: צי פארשטייט מען טאקע ריכטיג וואס מען רעדט? צי פארשטייט מען די אלע מושגים? **וואס מיינט 'אורות? און וואס מיינט אז די אורות קומען אראפ נידריג?!**

## מען דארף גוט אפלערנען און פארשטיין די חסיד'ישע ספרים

דער יום טוב חנוכה איז ספעציעל געבענטשט געווארן מיט די ספרים הק', קדושת לוי, בני יששכר, דברי חיים, און נאך. וואס זיי זענען מגלה פונעם ליכטיגקייט פונעם זמן, און געבן אביסל צו טועם זיין פונעם 'אור הגנוז', צו פארשטיין אביסל דעם פנימיות פונעם יום טוב און דעם פנימיות פון די מצוות היום. ממילא, אין אזעלכע טעג וואס מען איז עוסק צו לערנען די ספרים הק', דארף מען האבן דעם ריכטיגן צוגאנג צו דעם, צו וויסן וויאזוי מען לערנט אפ א שטיקל בני יששכר, ייטב פנים, דברי חיים, וכדומה - וואס דאס איז די פאסיגע הכנה צום יום טוב.

## די חסיד'ישע ספרים קומען אויסבויען דעם 'שכל' און דאס איז שוין משפיע אויפן 'הרגש'

**ווען צוויי חסיד'ישע אינגעלייט טרעפן זיך אין חנוכה, פרעגט מען: "נו, וויאזוי גייט די 'אורות'?". וואס מיינט 'אורות? און וואס מיינט אז די אורות קומען אראפ נידריג?!**

אין דער תורה איז פאראן צוויי חלקים, 'שכל' און 'הרגש'. 'שכל' מיינט, דער 'חלק המחשבה' פון דער זאך, וויאזוי די תורה באטראכט דעם ענין לעמקו ולרחבו. 'הרגש' מיינט, די געפילן פון דער זאך, וויאזוי עס שפירט זיך ביים מענטש. לדוגמא, יעדער יום טוב האט א 'שכל' - וואס איז דער יום טוב, וועלכער סארט 'אור' שיינט ספעציעל אין דעם יום טוב מער ווי אין אנדערע ימים טובים, און וואס דארף דא ווערן אויסגעדרוקט דורכן יום טוב. און עס האט אויך א 'הרגש' - וויאזוי פיהלט מען דעם יום טוב און וועלכע סארט הרגשים איז מען צוגעוואוינט אז דאס גייט צוזאמען מיט דעם יום טוב. און דא איז פאראן א גרויסער טעות ביי אסאך מענטשן,

וואס זיי מיינען אז די חסיד'ישע ספרים זענען געקומען פארן צווייטן חלק פון 'הרגש', כאילו אז די חסיד'ישע ספרים קומען אנווארעמען די געפילן אינעם יום טוב - דורכן שרייבן הייליגע לשונות און ווארימע אויסדרוקן. אבער דאס איז נישט ריכטיג, ווייל לויט ווי די ספרים הק' לערנען אונז, איז דער ריכטיגער מהלך, אז מען זאל קודם ארבעטן אויפן 'שכל', און פון דארט ווערט שוין אויטאמאטיש געבוירן די געפילן. דעריבער זענען אלע חסיד'ישע ספרים געקומען אונז אריינגעבן א 'שכל' און א 'דעת' וויאזוי אנצוקוקן דעם יום טוב מיטן ריכטיגן בליק - וויאזוי די תורה קוקט עס אָן, און די אלע ווארימע און קאכעדיגע לשונות האט זיך פשוט ארויסגעגאסן פון זיי - בשעת ווען זיי האבן מסביר געווען דעם 'שכל' - ווען זייער הארץ איז צוקאכט געווארן פון גרויס התרגשות. אבער זיי קומען אונז נישט פארציילן אז 'דאס איז דער געפיל וואס מען דארף פיהלן', ווייל עס איז נישט שייך אז א מענטש זאל אנקומען צו שפירן די געהויבענע הרגשים - אָן דעם וואס ער איז קלאר אין דער נקודה פונעם יום טוב. און ווען א מענטש ווארעמט זיך צו א יום טוב מיט דעם סארט אופן - האט ער נישט גארנישט אין די הענט מיט וואס צו צוגיין צום יום טוב.

## אויב נעמט מען עס בלויז צום 'הרגש' – פארשטייט מען נישט וואס מען לערנט

**א דוגמא כלפי יום טוב חנוכה:** שוין וואכן פאר חנוכה קאכט מען זיך: אַהּ, אט אט קומט שוין חנוכה! עס קומען דאך אראפ אזעלכע גרויסע 'אורות'! די אורות קומען דאך אראפ גאר גאר נידריג! און מען זאגט נאך מורא'דיגע אויסדרוקן אין לשון הקודש, אז 'בימים ההם בזמן הזה' - עס חזר'ט זיך דאס יאר איבער די זעלבע אורות וואס איז געווען דעמאלט, און די אורות קומען אראפ 'למטה מעשרה טפחים', און עס גייט ארויס אפילו 'ברשות הרבים', און אפילו 'במקום חושך' ווערט 'אור'. וכדומה. אבער אויב מען וועט פרעגן: "דו פארשטייסט טאקע וואס דו רעדסט דא? דו ווייסט טאקע וואס עס מיינען די אלע 'מושגים' און באגריפן? וואס מיינט 'אורות'? מען קען דאס אנטאפן? וואו געשעט עס און וואס טוישט זיך דורכדעם? וואס מיינט דאס אז די אורות גייען אראפ גאר נידריג?" - וועט מען נישט וויסן וואו אנצוהייבן. ווייל די אלע ווערטער האט מען באלד גענומען צום 'הרגש', און ניטאמאל פרובירט עס צו אפטייטשן אינעם 'חלק המחשבה' און 'שכל'.

## די הבחנות צו זען צי מען פארשטייט באמת וואס דער חסיד'ישע ספר זאגט

עס איז געווען דאהי ר' מרדכי דוד קאהן זכרונו לברכה. ער איז געווען א חסיד'ישער איד מיט פארצייטישע השגות מיט אסאך קלוגע ווערטער. און אויסער דעם איז ער געווען א געוואלדיגער 'בעל מחנך' אוועקצושטעלן בחורים און אינגעלייט אויפן ריכטיגן פלאץ. ווען ר' מרדכי דוד האט געטראפן א אינגערמאן - וועלכער זאגט נאך מושגים פון חסיד'ישע ספרים - אָן וויסן וואס דאס מיינט - פלעגט ער אים פרעגן צוויי שאלות: א) דו קענסט דאס אויך איבערזאגן אין ענגליש? ב) דו קענסט דאס מסביר זיין פאר איינעם אויפן טעלעפאן? און מיט דעם האט ער יענעם געוויזן, אז ער פארשטייט נישט וואס ער רעדט... ווייל אפילו איינער וועלכער קען א גוטן ענגליש, אבער ווען ער דארף אנהייבן מסביר צו זיין אויף ענגליש אזא מושג ווי 'למטה מעשרה טפחים' - אויב ער פארשטייט נישט דעם געדאנק, נאר בלויז דעם הרגש דערפון - ווערט ער שטופמיג... ער הייבט אָן צו שטאלפערן, ער ווייסט נישט וואס 'אורות' איז און וואס 'טפחים' איז... אזוי אויך איז פאראן א מבחן, צי ער קען דאס זאגן אויפן טעלעפאן. ווייל ווילאנג מען רעדט נאך צו א מענטש 'פנים אל פנים', און יענער זעט די תנועות - קען מען עס נאך איבערגעבן אָן פארשטיין, ווייל מען

> **צוויי שאלות: א) דו קענסט דאס אויך איבערזאגן אין ענגליש? ב) דו קענסט דאס מסביר זיין פאר איינעם אויפן טעלעפאן?**

קען יענעם ווייזן מיט די הענט און מיט די אויגן - וואו געוואלדיג די אורות זענען, און מען קען יענעם אויס'משל'ן ווי די 'אורות' קומען פון גאר גאר הויך - ווען בשעת מעשה הייבט ער אויף די הענט גאר הויך, און די אורות קומען אראפ ביז גאר גאר נידריג - ווען בשעת מעשה בייגט ער זיך אראפ ביז צו דער ערד, און מיט דעם ווייזט ער יענעם דעם געפיל פון הויכע 'אורות' וועלכע קומען אראפ גאר נידריג. אבער בשעת ווען מען רעדט צו יענעם אויפן טעלעפאן, און יענער קען נישט זען קיין תנועות פון די הענט און פוס - איז א שטיקל מבחן צו זען צי מען האט עס ריכטיג פארשטאנען און מען קען עס ווייטער מסביר זיין, אדער איז עס בלויז הרגשים וועלכע זענען נישט געבויעט אויף שכל, וואס דאס איז שווער איבערצוגעבן פאר יענעם.

## די הכנה צום יו"ט מיט חסיד'ישע ספרים – איז א געהעריגע לימוד

**קומט אויס:** מיר דארפן לערנען די הייליגע חסיד'ישע ספרים פאר חנוכה, כדי מיר זאלן גוט פארשטיין און דערהערן דעם שכל און טיפן הסבר וואס עס טוט זיך אפ חנוכה. און דורכדעם וואס מיר וועלן ארויסהאבן דעם 'שכל' פונעם יום טוב - וועלן מיר ווערן נענטער און קלארער אינעם יום טוב. און פון דעם קלארקייט וועט נולד ווערן א 'הרגש' און א 'קשר' צום יום טוב. ווייל ווי קלארער מען איז אין א יום טוב - אלץ מער קען מען זיך מדבק זיין און מקשר זיין מיט די אורות פונעם יום טוב.

## לערנען אויפן יו"ט ברענגט א 'תשוקה' צום יו"ט און אן ערוואקסענעם 'קשר' צום יו"ט

דער 'קשר' וואס מיר באקומען צום יום טוב - דורכן 'שכל' און 'הבנה' אינעם יום טוב - איז גורם צוויי געוואלדיגע תוצאות: איינס - דאס איז בעיקר נוגע איידער דער יום טוב קומט אָן - מען באקומט א 'השתוקקות' צום יום טוב, מען ווארט שוין אויס אויפן יום טוב. צווייטנס - דאס איז בעיקר נוגע ווען דער יום טוב קומט שוין אָן - מען באקומט אן ערוואקסענעם שייכות צום יום טוב, וועלכע איז ריין פון דמיונות און סתם קינדערישע געפילן. לאמיר פארשטיין די צוויי יסודות'דיגע ענינים.

## די תשוקה צו א זאך איז די 'כלי' אריינצונעמען דעם 'אור'

**כלל גדול:** מען דארף וויסן זייער א גרויסער און וויכטיגער 'יסוד', וואס איז נוגע יעדעס מאל ווען מען גרייט זיך צו א יום טוב, און אזוי אויך אינעם יום טוב זעלבסט. **דער עיקר 'כלי' וואוהין א מענטש קען אריינענעמען צו זיך א ליכטיגקייט פון א העכערן פלאץ פון אים איז, דער 'השתוקקות' וואס דער מענטש גלוסט און בענקט צו דעם אור!** אט די דאזיגע 'תשוקה' איז די 'כלי' און 'אחיזה' וואס ער האט מיט דעם העכערן אור.

## דער איד וועלכער האט נישט געהאט קיין קשר צום בעש"ט – כאטש ער האט אים יעדן טאג געזען

**על דרך משל:** בזמן הבעל שם טוב האט געוואוינט א איד אין מעזיבוז, וואס ער פלעגט דאווענען מיטן בעל שם טוב אין איין בית המדרש, ער האט אים יעדן טאג געזען צוואנציג מאל, ער האט אפילו אים געגריסט און גערעדט מיט אים כסדר. אבער דער איד האט קיינמאל נישט באקומען קיין פערזענליכן קשר מיטן בעל שם טוב! דער בעל שם טוב האט נישט פארנומען קיין פלאץ אין זיין הארץ, נאר ער האט סתם געוואוסט אז עס איז דא אזא מענטש ווי דער בעל שם טוב.

## דער איד וועלכער האט געהאט א מורא'דיגן קשר – כאטש ער האט אים געזען נאר איינמאל

אין דער זעלבער צייט איז געווען א איד וועלכער האט געוואוינט אין דייטשלאנד, און ער האט געהערט איבער דעם בעל שם טוב'ס גרויסקייט, און עס האט זיך אים אויפגעוועקט אין הארץ א מורא'דיגע תשוקה זיך צו מדבק זיין צו דעם צדיק, ער האט געוואלט ווערן נאנט צו אים און אנקניפן א קשר פון א תלמיד צו א רבי'ן. אבער היות אז ער האט געוואוינט זייער ווייט פון מעזיבוז, און ער האט נישט געקענט אזוי לייכט אהינפארן - האט זיך זיין נסיעה פארשלעפט און אפגעשטופט נאך א וואך און נאך א חודש און נאך א יאר. אבער דורכאויס די גאנצע צייט האט דער איד ממש

גע'חלומ'ט בייטאג און ביינאכט פונעם בעל שם טוב. ענדליך, נאך אזויפיל יארן פון השתוקקות - האט ער באוויזן דורכצומאכן דעם לאנגן און שווערן וועג ביז צום ווייטן מעזיבוז, און ער האט זיך געטראפן מיטן הייליגן בעל שם טוב. עס איז נישט שייך מסביר צו זיין ווי דער איד האט זיך ממש מחיה געווען מיטן זען דעם בעל שם טוב! זיין הארץ איז אים ממש פול געווארן מיט געפילן פון 'קשר', 'אהבה' און 'הערצה' צום בעל שם טוב! און דער קשר האט אנגעהאלטן ביזן לעצטן טאג - כאטש ער איז צוריקגעפארן קיין דייטשלאנד און קיינמאל נישט געזען מער דעם בעש"ט.

## אלץ ווענדט זיך צי ער זוכט צו האבן קשר

וואס איז דער חילוק צווישן די צוויי אידן? פארוואס האט דער ערשטער נישט געהאט קיין 'קשר' צום בעש"ט - כאטש ער האט אים יעדן טאג געזען אין בית המדרש, און דער צווייטער האט געהאט צו אים א משונה'דיגן קשר - כאטש ער האט אים בלויז איין מאל געזען? דער פשט איז: דער ערשטער האט קיינמאל נישט געזוכט צו האבן קיין קשר מיטן בעש"ט, דעריבער איז נישט געווען קיין 'כלי' אין הארץ וואו דער קשר זאל צושטאנד קומען. ווידעראום, דער צווייטער מענטש האט כל ימיו געבענקט מיט א געוואלדיגע תשוקה צו האבן א קשר מיטן בעל שם טוב, דערפאר, האט ער געהאט א גאר גרויסע 'כלי' צו פארנעמען און אנטהאלטן דעם קשר, און ווי נאר ער האט אים געטראפן און זיך מקשר געווען מיט אים - איז באלד געווארן אנגעפילט זיינע גרויסע 'כלים' מיט געוואלדיגע גרויסע 'אורות' פון 'קשר'! און דאס איז שוין געבליבן ביי אים אין הארץ לנצח נצחים, ווייל אן אמת בלייבט אויף אייביג.

## אויב ווארט מען אויפן יו"ט – באקומט מען קשר צום יו"ט

**דער נמשל:** עס איז נישט קיין שום ספק אז יעדער יום טוב האט א געוואלדיגן אור וועלכע שיינט אין אים, און עס קומט אראפ צו יעדן איד. אבער די 'כלי' מקבל צו זיין דעם 'אור' איז די 'תשוקה' וואס ער האט צום 'אור'. ווייל טאמער איז ער נישט אינטערעסירט דעריין - וועט עס קומען ביי זיין טיר, אבער ער וועט נישט באקומען קיין שייכות דערצו. ווידעראום, **טאמער ער ווארט דערויף און קוקט ארויס דערצו ווי נאר דער אור וועט אנקומען, וועט ער זיך דערקוויקן דערמיט און זיך מחיה זיין! זיינע גרויסע 'כלים' פון 'תשוקה' וועלן ווערן אנגעפילט מיט גרויסע אורות פון דעם יום טוב**, און דאס וועט בלייבן ביי אים אויף אייביג, ווייבאלד עס איז אן אמת נצחי.

## די 'תשוקה' איז נולד געווארן פון דער 'ידיעה' איבער דעם גרויסקייט פון בעש"ט

**לאמיר ציען דעם משל ווייטער:** וואו האט זיך אנגעהויבן דער חילוק צווישן די צוויי אויבנדערמאנטע מענטשן - בנוגע זייער קשר צום בעל שם טוב? פארוואס טאקע האט דער ערשטער נישט געזוכט דעם קשר און דער צווייטער יא? דער תירוץ איז פשוט: דער ערשטער האט געהאט א 'חסרון ידיעה'! ער האט טאקע זייער גוט געקענט דעם בעל שם טוב'ס פנים, זיינע בגדים און זיינע תנועות, אבער ער האט נישט געקענט דעם בעל שם טוב'ס פנימיות! ער האט נישט געוואוסט דעם גדלות פון זיין נשמה, ווי אויסגעארבעט זיינע אברים זענען בקדושה ובטהרה, ווי הויך זיינע השגות אין מח זענען, וכדומה. און דערפאר האט ער נישט געהאט קיין תשוקה צו האבן שייכות מיט דעם מענטש. ווידעראום, דער איד פון דייטשלאנד האט געהאט די ריכטיגע 'ידיעה' איבער דעם בעל שם טוב, ער האט געוואוסט זיין 'גדלות' און זיין זיסן געהויבענעם 'דרך' וואס ער לערנט מיט זיינע תלמידים, ממילא, האט ער געברענט מיט א מורא'דיגע 'אהבה עזה כמות' צו קענען לערנען און האבן א קשר מיטן בעל שם טוב. קומט אויס, אז 'תשוקה' הייבט זיך אָן פון 'ידיעה'.

## לערנען חסיד'ישע ספרים אויף יו"ט ברענגט א 'ידיעה' וועלכע ברענגט א 'תשוקה'

**דער נמשל:** מען דארף גוט דערהערן, אז מען קען נישט משתוקק זיין צו א יום טוב מיטן גאנצן הארץ - אויב מען ווייסט נישט קלאר וואס דער יום טוב איז. ווייל אויב מען ווייסט נישט

דעם 'גדלות' און דעם זיסקייט פונעם יום טוב, נו, פארוואס זאל מען זיך נעמען גלוסטן און ווארטן דערויף? און דערפאר איז אזוי וויכטיג צו לערנען די חסיד'ישע ספרים פארן יום טוב, ווייל דארט ווערן מיר געוואויר ווער דער יום טוב איז, מיר באקומען די 'ידיעה' בפרטיות וועלכער 'אור' דער יום טוב וועט מגלה זיין. און ווי מער מען ווייסט איבער דעם יום טוב - אלץ מער האבן מיר אויף וואס ארויסצוקוקן און ערווארטן! ווי קלארער מיר לערנען אפ דעם חסיד'יש ספר און מיר פארשטייען וואס דארט שטייט - **אלץ מער הייבן מיר אָן משתוקק צו זיין דערצו: "ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו באקומען דעם אור?!". און ווי מער השתוקקות מען האט צום יום טוב אלץ גרעסער איז דער 'התקשרות' און 'דביקות' צום יום טוב.** און ווען דער יום טוב קומט אָן, און דער אור קומט טאקע אראפ צו אונז - איז ער זוכה אריינצונעמען דעם אור אין זיך! דער אור ווערט 'איינס' מיט זיין נשמה, עס ווערט אן 'אמת נצחי' ביי אים, און ער איז זוכה מיטצונעמען דעם אור אויף א גאנץ יאר. דאס איז די ערשטע 'תוצאה' וואס קומט ארויס, פון לערנען און פארשטיין דעם יום טוב.

**הייבן מיר אָן משתוקק צו זיין דערצו: "ווען וועט מען שוין זוכה זיין צו באקומען דעם אור?!". און ווי מער השתוקקות מען האט צום יום טוב אלץ גרעסער איז דער 'התקשרות' און 'דביקות' צום יום טוב**

## אָן לערנען חסיד'ישע ספרים איז זיין קשר צום יו"ט זייער אויבערפלעכליך

**די צווייטע 'תוצאה' איז:** טאמער א מענטש איז נישט געהעריג קלאר וואס עס מיינט דער יום טוב - לעבט ער דערין זייער קינדעריש, און ער קען זיך זייער נאַרן און פּאָפּן, ער וועט דמיונ'ען אז ער איז זוכה צו גרויסע 'אורות', און ער וועט טאקע שפירן עפעס א הארה, עפעס א ווארעמקייט און געהויבנקייט, אבער באמת איז דער יום טוב אסאך מער פון דעם, און ער דערלייגט דעם עיקר אור פונעם יום טוב - וויבאלד ער איז פארנומען בלויז מיט זיינע אויבערפלעכליכע געפילן - וואס שטאמען נישט פון קיין טיפע הבנה אינעם יום טוב, נאר בלויז פון אויבנאויף, און דאס פארשטעלט אויף די ריכטיגע אוצרות וואס זענען דא אין דעם יום טוב.

## אויב אנטון א שטריימל מיינט חתונה האבן – האט ער קיינמאל מיט חתונה נישט געהאט קיין שייכות

**על דרך משל:** אמאל איז פארהאן א קליין אינגל, וועלכער וויל שוין זיין א טאטע... ער וויל שוין זיין ריזיג... און ער פועל'ט ביי זיינע עלטערן, אז מען זאל אים קויפן אזא שפילצייג פון א פאלשע שטריימל, און ער טוט דאס אָן און שפירט זיך גוט, אז ער איז שוין א טאטע... בפרט איז דאס שייך ביי צוריקגעבליבענע קינדער ל"ע, וואס זיי זענען שוין דרייסיג יאר אלט, אבער זיי קענען נעבעך נישט חתונה האבן צוליב זייער מצב הנפשי. אבער וויבאלד דער יונגערער ברודער האט חתונה, און ער איז מקנא פארוואס זיין ברודער האט חתונה און ער נישט - קויפט מען אים א טלית און א שטריימל, און 'שלום על ישראל'... ער איז פרייליך ביזן הימל און ער שפירט ממש אז ער האט עכט חתונה געהאט און ער איז שוין א געהעריגער יונגערמאן. איי, עס איז נישטא דא גארנישט, נישטא קיין 'חתן וכלה', נישטא קיין 'חופה וקידושין', נישטא קיין 'חתונה' און נישטא גארנישט? אבער וויבאלד ער האט נישט קיין ערוואקסענעם שכל צו פארשטיין וואס עס מיינט חתונה האבן, דערפאר זעט אים אויס, אז עס באשטייט בלויז פון א חיצוניות'דיגע זאך ווי אנטון א 'טלית' און א שטריימל, ממילא, שפירט ער שוין צופרידן מיט דעם. קומט אויס, **פון דעם וואס ער איז אזוי פרייליך מיט דעם שטריימל ווערט 'נתגלה למפרע', אז ער האט קיינמאל נישט געוואוסט וואס עס מיינט 'חתונה האבן'.** זעלבסט פארשטענדליך, אז ביי א 'בר דעת' איז דאס ממש א 'חוכא וטלולא'. כאטש וואס יעדער פארשטייט, אז אויב איינער וועט

זאגן: "א שטריימל מיינט גארנישט מיט נישט" - איז ער נישט גערעכט! ווייל א שטריימל איז אויך עפעס וואס האט שייכות מיט א 'חתונה'! א בחור גייט נישט מיט קיין שטריימל און א אינגערמאן גייט יא דערמיט, און מען לאזט זיך קאסטן אָן א שיעור געלט פארן שטריימל. אבער צו זיין צופרידן בלויז מיט דעם וואס מען האט א שטריימל, איז 'אין לך ליצנות גדולה מזו'.

## אויב יו"ט מיינט נאר א ווארעמקייט – האט ער נאכנישט טועם געווען א 'טעם יום טוב'

**דער נמשל:** דער וועלכער לערנט נישט גרונטליך די חסיד'ישע ספרים, צו פארשטיין אביסל דעם עומק פונעם יום טוב, און ער לערנט נאר אפאר שטיקלעך זיך צו דערווארעמען, און ער ווייסט בלויז אז עס קומט אראפ גרויסע אורות - אָן עפענען און אפטייטשן די מושגים - וועט זיין יום טוב באשטיין פון אביסל געפילן און הרגשים וואס ער וועט עפעס שפירן! דא און דארט - במשך פון אזא לאנגע יום טוב פון אכט טעג - וועט ער האבן עפעס א הרגשה! אמאל א געהויבנקייט ביי הלל, און אמאל א העכערקייט ביי די האלבע שעה פון הדלקת הנרות. און עס איז זייער חשוב און הייליג, ווייל זיכער האט דאס אויך שייכות צום ענין פון חנוכה. אבער דער בראך איז, אז מען מיינט אז דאס איז דער יום טוב! ער איז צופרידן מיט אזא 'טפל שבטפלים' פונעם יום טוב! ער רעדט זיך איין, אז ער האט געהאט דעם אור פונעם יום טוב! און ווען דער ערוואקסענער בר דעת הערט ווי ער רעדט מיט אזא צופרידנקייט פון 'זיין' יום טוב - ווייל ער אים זאגן: **"אויב ביסטו צופרידן מיט דעם ווערט נתגלה אז דו ווייסט בכלל נישט וואס חנוכה איז! דו מיינסט אז חנוכה באשטייט פון א פאָר גוטע מינוט פון 'התעוררות' אדער פון א הלל וואס זאגט זיך גוט!** עס איז 'אין לך ליצנות גדולה מזו' - צו אנקוקן דעם יום טוב מיט אזא קטנות'דיגע בליק!".

## מען דארף לערנען חסיד'ישע ספרים בעיון

יעצט ווען מען האלט נאך בעפאר דעם יום טוב - איז דער ריכטיגער זמן זיך מתבונן צו זיין אין די ספרי חסידות, און אפלערנען דעם יום טוב מיט א טיפערע הבנה - פונקט ווי מען לערנט אפ א סוגיא אין 'שיעור עיון'. לאמיר פארשטיין קלאר וואס עס מיינט 'אורות', וואס עס מיינט 'למטה מעשרה' און אזוי ווייטער די אלע מושגים וואס די ספרי חסידות לערנען אונז.

## די הויכע ווערטער קומט פון אר"י הק' און די חסיד'ישע ספרים פרובירן דאס אראפצוברענגען צו אונזער מדריגה

**אין אנדערע ווערטער:** די אלע הויכע ווערטער איבער 'ספירות', 'יחודים' און 'שמות' - וואס ווערן געברענגט אין חסיד'ישע ספרים - 'קדושת לוי', 'ייטב פנים', 'בני יששכר', 'דברי חיים', און אזוי ווייטער - איז נישט זייער חידוש! דאס אלעס שטייט שוין פון פריער אין פנימיות התורה. די חסיד'ישע ספרים זענען נישט געקומען מחדש זיין אז עס זענען דא הויכע זאכן אינעם יום טוב, זיי זענען נישט געקומען מודיע זיין אז עס טוען זיך דא אפ פארהוילענע זאכן, און זיי זענען זיכער נישט געקומען מוסיף זיין נאך א פאָר זאכן וואס מיר פארשטייען נישט, ווייל דאס האט מען געהאט אויך בעפאר די חסיד'ישע ספרים. נאר פונקט פארקערט, **די חסיד'ישע ספרים נעמען די אלע הויכע ענינים און זענען דאס מקרב צום שכל! זיי זענען אונז מסביר די אלע מופשט'דיגע מושגים על דרך העבודה! זיי צולייגן אויף קליין געלט, וואס דאס מיינט אויף 'למעשה' פאר אונז פשוט'ע מענטשן!** וויאזוי מיר קענען דינען דעם אייבערשטן דורך דעם!

> **'לימוד החסידות' איז אונז מסביר די העכסטע מושגים, אויף א פשוט'ן אופן, וואס עס קומט אריין אין אונזער פערזענליכער לעבן.**

## נישט לערנען 'איבערצוזאגן' נאר לערנען זיך זעלבסט מדריך צו זיין

דאס הייסט, לערנען חסיד'ישע ספרים פאר א יום טוב, איז א חלק פון עבודת ה' - עס איז נישט קיין שיינע ווערטער נאכצוזאגן ביים טיש. דער תכלית וואס די תלמידי בעש"ט האבן געוואלט איז, אז מיר זאל האבן א קלארקייט אין די העכערע מושגים! מיר זאלן פארשטיין וואס עס מיינען די זאכן פאר מיר! וואו איז מיר דאס נוגע טאג טעגליך! **'לימוד החסידות' איז אונז מסביר די העכסטע מושגים, אויף א פשוט'ן אופן, וואס עס קומט אריין אין אונזער פערזענליכער לעבן.** און דורכדעם וואס מען לערנט חסיד'ישע ספרים בעפאר א יום טוב, און מען פארשטייט גוט דעם יום טוב - קען מען גוט אריינעמען דעם יום טוב אין זיך, אויף אן אופן אז מען זאל עס טאקע מיטנעמען אויף למעשה פאר א גאנץ יאר.

## א מענטש דארף וויסן וואו ער שטייט

עס איז פארהאן נאך א נקודה פון קלארקייט - וואס פעלט זיך אויס ווען מען לערנט חסיד'ישע ספרים אויף יום טוב, אז דער מענטש זאל 'זיך' קענען און וויסן וואס עס פעלט אים. און עס איז נישט גענוג אז ער ווייסט 'בערך' אז ער איז נישט מסודר, און אז דער אור פונעם יום טוב וועט אים 'בערך' העלפן - נאר **ער דארף זיין זייער קלאר און פונקטליך איןביידע זייטן פון דער מטבע: פון איין זייט: "וואס פונקטליך איז דער אור וואס דער יום טוב וועט מיר געבן". פון צווייטן זייט: "וואו פונקטליך בין איך קראנק איידער איך באקום דעם אור! ווי וויכטיג דארף איך אנקומען צום דעם אור! וואו אין לעבן פעלט מיר דער אור!".** און נאר דורכדעם וואס ער איז קלאר אין דיביידע זייטן - וועט ער ריכטיג משתוקק זיין צום יום טוב, און ריכטיג אויסנוצן דעם יום טוב.

## אויב ווייסט מען נישט דעם פראבלעם פונעם קאר – וועט מען יעדע צוויי וואכן זיין ביים מעכאניקער

**על דרך משל:** עס איז פארהאן אמאל איינער, וואס זיין קאר פארט נישט געהעריג. ער רופט חברים און זיי געבן אים א 'בּאָסט'. דער קאר איז געווארן אביסל אויפגעפרישט, עס נעמט זיך ארבעטן מיט פרישע כוחות. אבער נאך צוויי וואכן איז 'עודך'... ער רופט נאכאמאל חברים, און מען גיבט אים נאכאמאל א 'בּאָסט', אבער עס האלט נישט אָן פאר מער ווי צען טעג. בלית ברירה שלעפט ער זיך צום מעכאניקער, און ער זאגט אים: "איך ווייס נישט פארוואס מיין קאר מאכט פראבלעמען? איך האב עס שוין געגעבן צוויי מאל א 'בּאָסט', אבער עס צוברעכט זיך יעדע צוויי וואכן!". דער מעכאניקער אונטערזוכט דעם קאר, און ער רופט זיך אָן צו אים: "דו שוטה, **דו מיינסט אז דיין קאר קען לעבן אויף א 'בּאָסט'?! דיין קאר האט דאך אן ערנסטן פראבלעם! מען דארף דא טוישן א שטיקל וועלכע איז כמעט איינגאנצן טויט! איינמאל מען וועט טוישן דעם שטיקל וועסטו נישט דארפן קיין 'בּאָסט'! דיין קאר וועט זיין א געזונטער קאר** און וועט פארן ווי עס דארף צו זיין!". קומט אויס, כדי צו פאררעכטן א פראבלעם ביי א קאר - מוז מען וויסן קודם מיט א פונקטליכקייט וועלכער שטיקל עס איז צובראכן, און נאר דעמאלט קען מען עס פאררעכטן אויף א געזונטן אופן. אבער טאמער מען ווייסט נישט וואס דא גייט פאר - קען מען עס האלטן אין איין געבן א 'בּאָסט', אבער עס וועט זיך כסדר נאכאמאל צוברעכן, ווייל עס איז נישט שורש'דיג.

> פון איין זייט: "וואס פונקטליך איז דער אור וואס דער יום טוב וועט מיר געבן". פון צווייטן זייט: "וואו פונקטליך בין איך קראנק איידער איך באקום דעם אור!

## דער ריכטיגער דאקטער זוכט אויף דעם 'שורש' פון דער קרענק

**א צווייטער משל:** א מענטש קומט צום לאקאלן דאקטער און רעדט זיך אפ, אז ער

איז לעצטנס שוואך און האט נישט קיין כח. דער דאקטער גיבט אים א מעדעצין אדער אן אינדזשעקשאן, און ער שפירט אז פרישע כוחות פליסן אין זיינע אדערן. עס גייט דורך צוויי וואכן, און ער איז ווייטער שוואך. ער קומט נאכאמאל צום דאקטער, און ער גיבט אים נאכאמאל אן אינדזשעקשאן. אבער ווען ער קומט צום דריטן מאל, הייסט ער אים גיין אין שפיטאל און נעמען א בלוט טעסט, א 'סקען' פון אינעווייניג וכדומה. און דעמאלט ווערט נתברר פונקטליך וואס דער גורם פון דער שוואכקייט איז, און דעמאלט קען מען צופאסן די ריכטיגע רפואה צו דעם פראבלעם. קומט אויס, ווען מען איז קלאר מיטן 'חסרון' - קען מען וויסן קלאר וועלכע זאך איז 'משלים' דעם חסרון. אבער ווען מען ווייסט נישט וואס עס פעלט - ווייסט מען נישט וויאזוי מען פילט עס אָן.

## דער יו"ט האט אין זיך געוואלדיגע מעדעצינען – אבער מיר דארפן וויסן פון וואס מיר ליידן

**דער נמשל:** מיר אלע זענען גרויסע חולים ברוחניות, מיר ליידן אויף אסאך מחלות און מיחושים ברוחניות - וועלכע דארפן א רפואה. מיר האבן אָן א שיעור 'חסרונות' - וועלכע דארפן א השלמה. און **דער אויבערשטער האט אונז געגעבן 'ימים טובים' וועלכע האבן אין זיך די נויטיגע מעדעצינען און 'השלמות' פאר אונזערע פראבלעמען.** אבער טאמער וועלן מיר נוצן דעם יום טוב בלויז אלס רוחניות'דיגער 'בּאָסט' און אינזדשעקשאן, מיר וועלן לערנען חסיד'ישע ספרים, אז עס קומען גרויסע אורות און אז עס טוט זיך גרויסע ענינים, און מיר וועלן זיך אנווארעמען מיטן יום טוב און ארויסנעמען א געוויסע פרישקייט און חיזוק פונעם יום טוב - אָן אריינגיין מער 'בפרטיות' איבער אונזער חסרון און איבער דעם פרטיות'דיגן אור פונעם יום טוב - וועלן מיר נישט ווערן אויסגעהיילט אינעם פלאץ וואו עס געפונט זיך דער עכטער שורש פונעם פראבלעם.

**דער אויבערשטער האט אונז געגעבן 'ימים טובים' וועלכע האבן אין זיך די נויטיגע מעדעצינען און 'השלמות' פאר אונזערע פראבלעמען.**

## אלעמאל דארף מען פרעגן: וואס וואלט געוועזן שלעכט אָן דער בחינה?

כדי צו מאכן די ריכטיגע הכנה צו חנוכה, איז זייער וויכטיג צו פארשטיין בפרטיות וואס עס איז דער 'תיקון' פונעם יום טוב, און וועלכן 'קלקול' קומט עס פאררעכטן. מען דארף לערנען בעיון און ארויסהאבן בפרטיות: וואס איז חנוכה? וואס איז די נקודה פונעם יום טוב? וואס איז די מדה פון הוד? וואס מיינט עס ביי מיר? וואו בין איך חרוב - אין דער מדה? וכדומה. און דעמאלט וועט ער טאקע ווערן אויסגעהיילט באמת, און ריכטיג קונה זיין דעם אור וואס מען דארף קונה זיין פונעם יום טוב.

פרק ב'

# ספיר גזרתם יחד מאירות: די 'עשר ספירות' זענען באשאפן צו מגלה זיין דעם רבוש"ע

מען וועט מקדים זיין א כלליות'דיגע הקדמה - וועלכע איז נוגע בכלל פאר לימוד ספרי חסידות און בפרט צו די הכנה וואס מען מאכט פאר יעדן יום טוב. דערנאך (אינעם קומענדיגן פרק) וועט מען צוקומען צו רעדן בפרטיות אויף חנוכה.

## נישטא עפעס אנדערש אויסער 'עשר ספירות'

וואו אימער מען עפנט אויף א חסיד'ישע ספר - באגעגנט מען זיך מיטן מושג 'עשר ספירות'. דאס איז נישט קיין 'קבלה', נאר זייער פשוט'ע זאכן צום פארשטיין. די מציאות פון דער גאנצער בריאה - וואס דער אויבערשטער האט באשאפן - באשטייט פון צען מדות. דאס הייסט, צען סארטן 'גילויים' וויאזוי דער אויבערשטער אנטפלעקט זיין אור אין דער בריאה, וואס פון דעם באשטייט די גאנצע בריאה פון אויבן ביז אונטן! **אלע עולמות העליונים און אלע נבראים פון סיי וואו זענען צוזאמגעשטעלט פון אט די צען ספירות! עס איז נישטא עפעס אנדערש אויסער דעם, אלע 'עולמות העליונים' ביז צו אונזער 'עולם השפל', איז אלעס בלויז 'השתלשלות' פון די 'עשר ספירות'.** קומט אויס, אז וואס מיר באגעגענען אויף דער וועלט - צי איז דאס א 'דומם, צומח, חי, מדבר', צי איז דאס א 'אש, מים, רוח, עפר', צי איז דאס א 'עולם, שנה, נפש', צי איז דאס א 'מחשבה, דיבור, מעשה' - איז אלעס בלויז א השתלשלות פון איינע פון די עשר ספירות: 'כתר, חכמה, בינה, דעת, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות'.

## אלע 'עשר ספירות' זענען געווארן 'מקולקל'

די ספרים זענען מסביר אז די 'עשר ספירות' פון אונזער וועלט איז נישט אויפן ריכטיגן צורה וויאזוי עס דארף וועדן צו זיין - לויטן 'סדר השתלשלות' - וואס דאס קומט פונעם אויבערשטן אליינס. דאס הייסט, די גאנצע בריאה - פון די 'עולמות העליונים' ביז צו אונזער 'עולם השפל' - וואס דאס אלעס באשטייט דאך פון 'עשר ספירות' - איז אין א מצב וואס עס דארף האבן א גרויסן תיקון. ווייל עס איז געווען א לכתחלה'דיגער פלאן וויאזוי די בריאה דארף אויסקוקן, און צוליב פארשידענע קלקולים - 'חטא עץ הדעת', 'מיעוט הירח' און נאך - איז דער פלאן נישט געווארן אויסגעפירט בשלימות, און צוליב דעם איז היינט די גאנצע בריאה נישט א גוטן מצב און עס נויטיגט זיך אין א תיקון, מען דארף עס פאררעכטן.

## וואס מיינט א 'קלקול'?

לאמיר דאס אויסשמועסן אויף א פשטות'דיגע שפראך: וואס מיינט דאס א 'קלקול' אין די עולמות העליונים? און וואס מיינט א 'תיקון' אין די עולמות העליונים? ווער איז דער וועלכער איז באאויפטראגט מיט דער אויפגאבע צו 'מתקן' זיין די וועלטן? וויאזוי טוט

ער דעם 'תיקון'? וואס האט דאס א שייכות מיט 'עשר ספירות'? אדער קען מען פרעגן נאך טיפער: פארוואס האט דער אויבערשטער בכלל באשאפן די גאנצע בריאה - אלע עולמות עליונים ביז דער וועלט? וואו האט ער געוואלט אנקומען דערמיט? איז ער שוין אנגעקומען אהין? וועט ער אנקומען אהין? מען האלט שוין אינמיטן אנקומען אהין?

## דער ציל פון דער בריאה – מגלה זיין דעם אויבערשטן

**הסבר הדברים:** די 'תכלית הבריאה' אויף וואס דער אויבערשטער האט באשאפן אלע וועלטן איז פאר איין ציל: **"בגין דישתמודעין ליה"** - מען זאל משיג זיין, פארשטיין און וויסן פון אים כביכול! עס זאלן זיין 'נבראים' - וועלכע שפירן זיך ווי 'נפרד' פונעם אויבערשטן - און זיי זאלן וויסן: עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, וואס אלעס איז ער, און עס איז גארנישט פארהאן אויסער אים! אין אן אנדערע שפראך רופט זיך דאס **"לגלות מלכותו"** - די תכלית הבריאה איז, צו מגלה זיין דעם אויבערשטן אויף דער וועלט! מען זאל וויסן פונעם מציאות פונעם אויבערשטן - דא אונטן אויף דער וועלט.

**פארוואס האט דער אויבערשטער בכלל באשאפן די גאנצע בריאה - אלע עולמות עליונים ביז דער וועלט?**

## דער 'גילוי' פונעם אויבערשטן איז בלויז דורך זיינע 'עשר ספירות'

**שטעלט זיך א פראגע:** "דער רבונו של עולם איז דאך 'אין סוף', און קיין שום 'נברא' קען אים נישט משיג זיין, נו וויאזוי איז ער זיך מגלה אויף דער וועלט?!". אויף דעם איז דער תירוץ: דורך די 'עשר ספירות'! די צען ספירות זענען 'מדות' און 'הנהגות' וויאזוי דער אויבערשטער 'פירט' זיין וועלט, און פון דעם זעט מען דעם מציאות השם; ווי עס איז מבואר אין 'פתח אליהו': **"אַנְתְּ הוּא דְאַפִּיקַת עֲשַׂר תִּקּוּנִין, וְקָרֵינָן לוֹן עֲשַׂר סְפִירָן, לְאַנְהָגָא בְהוֹן עָלְמִין סְתִימִין דְּלָא אִתְגַּלְיָין, וְעָלְמִין דְּאִתְגַּלְיָין, וּבְהוֹן אִתְכְּסִיאַת מִבְּנֵי נָשָׁא, וְאַנְתְּ הוּא דְקָשִׁיר לוֹן, וּמְיַחֵד לוֹן"** - דורך די 'עשר ספירות' איז דער אויבערשטער זיך מגלה אויף דער וועלט, און אזוי ווערט אויסגעפירט די 'תכלית הבריאה' פון 'לגלות מלכותו' און 'דישתמודעין ליה'.

## לויטן פלאן פון 'תחלת הבריאה' וואלט די גאנצע מציאות פון וועלט אויסגעשריגן ה' אחד

דער אויבערשטער האט לכתחילה באשאפן די וועלט מיט א פונקטליכן פלאן, אז די וועלט זאל זיין אויסגעשטעלט אויפן ריכטיגן אופן - וואס עס זאל דינען אלס 'גילוי' און נישט אלס 'העלמה'! די וועלט וואלט וועגן אפן געדארפט פארציילן 'גדלות השם'! די וועלט וואלט וועגן געדארפט אויסשרייען **"מלא כל הארץ כבודו"** - עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט! עס וואלט געדארפט זיין זייער קלאר, אז די 'עשר ספירות' זענען בלויז 'לבושים' פארן אויבערשטנ'ס אור! און יעדער 'נברא' וואלט וועגן געדארפט קענען דורכזען דעם אויבערשטן כביכול.

## די בריאה איז געווארן פארדרייט – עס פארדעקט אנשטאט צו אויפדעקן

**דער קלקול בכלליות:** מחמת סיבות שונות ומשונות - האט ליידער פאסירט א גרויסער 'קלקול הבריאה'. דאס הייסט, די וועלט האט געגומען א פארקערטן ריכטונג - ווי דער 'תכלית' אויף וואס ער עקזעסטירט, אז אנשטאט די וועלט זאל העלפן אנטפלעקן דעם אויבערשטן און זיין גרויסקייט - טוט די וועלט פונקט פארקערט! די וועלט איז 'מעלים' און 'מסתיר' דעם אויבערשטן! די וועלט שרייט אויס 'הפקרות' און 'כוחי ועוצם ידי'! די לעצטע כמעט זעקס טויזנט יאר, טוט די וועלט פארדעקן דעם אויבערשטנ'ס עקזיסטענץ מיט אלערליי

'הסתרות' און 'העלמות'. ווען מיר גייען ארויס אין גאס, זעען מיר א גאנצע וועלט פון 'טבע' - וועלכע איז מסתיר אויפן 'עילת כל העילות'. מיר זעען א וועלט פון 'השחתה' - וועלכע לייקנט אינעם 'גומל טוב לשומרי מצותיו ומעניש לעוברי מצותיו'. אין אנדערע ווערטער: מיר זעען א וועלט וועלכע שרייט: עס קען אנגיין א וועלט אָן דעם אויבערשטן חס ושלום. דאס איז דער טייטש פון 'קלקול הבריאה' - אז די וועלט דינט נישט דעם צוועק אויף וואס ער איז באשאפן געווארן.

## יעדע מדה ציהט אוועק דעם מענטש פונעם אויבערשטן

**דער קלקול בפרטיות:** וויבאלד די גאנצע מציאות פון דער בריאה, איז אלעס בלויז א מציאות פון 'עשר ספירות', און עפעס אנדערש איז נישטא. ווייל אנגעהויבן פונעם ערשטן גילוי וואס דער אויבערשטער האט זיך מגלה געווען - ביזן נידריגסטן און מגושם'דיגסטן השתלשלות וואס איז ארויסגעקומען דערפון - באשטייט אלעס בלויז פון די 'עשר ספירות'. דעריבער, ווען מען זאגט אז די בריאה איז געווארן 'מקולקל' - מיינט דאס בפרטיות, אז די הויכע 'עשר ספירות' וועלכע געפונען זיך אין די עולמות העליונים - זענען געווארן פארקרומט און פארדרייט פון זייער אריגינאלע צורה, עס איז געווארן אן 'עירוב טוב ורע' אין אלע ספירות, און פון דעם איז נשתלשל געווארן דער 'קלקול' צו אלע 'עשר ספירות' וועלכע געפונען זיך אין די אונטערשטע עולמות, ביז צו די 'עשר ספירות' פון אונזער וועלט. וואס מיט דעם 'קלקול' באגעגענען מיר זיך טאג טעגליך, אז מען קען נוצן יעדע מדה סיי 'לצד הטוב' און סיי 'לצד הרע' חס ושלום, ווי מיר זעען בחוש, אז אסאך מאל ציען אונז די 'מדות' אוועק פונעם אויבערשטן, אנשטאט זיי זאלן אונז ציען צום אויבערשטן.

## דער 'ספירת החסד' איז היינט דער וועלכער שלעפט מענטשן צו תאוות

**א דוגמא פון 'קלקול' אין ספירת החסד:** ווען די וועלט וואלט געווען מתוקן אויף איר אריגינאלע צורה - וואלט די ספירה פון 'חסד' - געשלעפט מענטשן צום אויבערשטן מיט א געוואלדיגע אהבה! יעדער נברא אויף דער וועלט - וואלט ליב געהאט בלויז דעם אויבערשטן, און די אלע זאכן וואס דער אויבערשטער האט ליב! מען וואלט ליב געהאט די תורה! מען וואלט ליב געהאט צדיקים! מען וואלט ליב געהאט דעם שבת! מען וואלט ליב געהאט קדושה! וכדומה. אבער ליידער זעען מיר אין פאקט, אז דער 'ספירת החסד' טוט פונקט פארקערט, אז עס שלעפט אוועק מענטשן פון אהבת ה' - צו אהבת זרות און 'אהבות נפולות'! 'חסד' שלעפט צו ליב האבן 'תאוות', 'גשמיות' און אלע נישט גוטע ענינים וואס דער אויבערשטער האט נישט ליב. קומט אויס, אז די מדה פון חסד איז גאר שטארק מסתיר און מעלים אויפן אויבערשטן. און דאס מיינט א 'קלקול' אין דער מדה פון חסד, אז עס פארדעקט דעם אויבערשטן. און אזוי איז מיט אלע 'עשר ספירות', אז אין יעדע ספירה און מדה איז דא א 'קלקול' דערין, וואס די ספירה איז מעלים אויפן אויבערשטן.

> **דער אויבערשטער האט לכתחילה באשאפן די וועלט מיט א פונקטליכן פלאן, עס זאל דינען אלס 'גילוי' און נישט אלס 'העלמה'!**

## אידישע נשמות האבן די אויפגאבע צו פאררעכטן די 'עשר ספירות' און אלע עולמות

כדי צו מתקן זיין און פאררעכטן די וועלט - האט דער אויבערשטער באשאפן 'נשמות ישראל'. דאס מיינט, אונז אידישע קינדער. וואס זיי האבן דעם אויפגאבע צו מתקן זיין דעם 'קלקול הבריאה', און צוריקברענגען די וועלט צו איר 'תיקון'. און דאס איז גאר א גרויסע אויפגאבע וועלכע האט מיליאנען חלקים און נקודות, וואס דאס האט דער אויבערשטער צוטיילט צווישן אלע אידישע קינדער! יעדער פון אונז האט געוויסע חלקים פון געוויסע 'ספירות' - וואס ער

דארף פארריכטן און עס צוריק אויפבויען ווי פריער - איידער עס איז נתקלקל געווארן. אז די ספירה זאל זיין אריגינאל 'גילוי כבוד שמים'.

## דורכדעם וואס מיר זענען מברר אונזערע מדות צום אויבערשטן – ווערט נתברר די מדות פון די עולמות העליונים

דער אופן וויאזוי מיר זענען מתקן די 'עשר ספירות' פון אלע עולמות איז, דורכדעם וואס מיר ארבעטן אויף אונז אליינס. ווייל דער אויבערשטער האט ספעציעל אריינגעלייגט אין יעדן מענטש אלע 'עשר ספירות', יעדער מענטש איז א 'קומה שלימה' פון צען מדות, און נאכמער, יעדער מענטש ביי זיך - אין זיינע 'עשר ספירות' - פארמאגט אויך אן 'עירוב טוב ורע', ער האט אין זיך גוטע און איידעלע מדות - וועלכע ציען צו גוטס, און ער האט אין זיך שלעכטע מדות - וועלכע ציען צו שלעכטס. און דאס איז נישט קיין טעות, נאר בדיוק האט מען אונז געגעבן אזא פעקל, כדי מיר זאלן טאקע אויסארבעטן 'מדות'! כדי מיר זאלן האבן אן עבודה פון 'מתקן' זיין און 'מברר' זיין דעם גוטן חלק פונעם שלעכטן חלק. און דורכדעם וואס יעדער ביי זיך ארבעט אויס זיינע 'רצונות' (כתר), זיינע 'מחשבות' (חב"ד), זיינע 'מדות' (חג"ת) און ער פירט זיך אויף על פי תורה אין אלע זיינע 'עשיות' (נהי"ם) - איז ער 'מתקן' די 'עשר ספירות' ביי זיך. דאס הייסט, ער איז מגלה דעם אויבערשטן אין יעדע מדה און אין יעדע ספירה, ווייל דורכדעם וואס ער פירט זיך מיט דער מדה נאר לויטן רצון ה' - איז ער דערמיט מגלה דעם רבונו של עולם אין דער מדה! ווייל דורך דער מדה ווייזט ער ארויס 'ביטול' צום אויבערשטן! דורך דער מדה ווייזט ער, אז דער רבונו של עולם איז דער וועלכער באשטימט די 'הנהגה' פון דער וועלט, און נאר זיין רצון איז דער 'קובע' וויאזוי זיך צו פירן.

## יעדער מענטש האט א חלק בריאה וואס ער איז דער איינציגסטער וועלכער קען דאס מתקן זיין

דורכן ארבעטן אויף 'זיך' בפרטיות - איז ער 'מתקן' די גרויסע בריאה! ווייל יעדע נשמה פון כלל ישראל, האט א געוויסן חלק אין דער בריאה - וועלכע האט שייכות מיט זיין 'נפש רוח ונשמה' - וואס בלויז 'ער' - קען דאס מתקן זיין און פארריכטן. און דורכדעם וואס ער פארריכט און איז מתקן 'זיך', זיין חלק, זיין וועלטל, זיין 'נפש רוח ונשמה' - איז ער מתקן 'זיין' חלק הבריאה. און צום סוף וועלן אלע אידישע קינדער ענדיגן זייער 'תיקון' מיט זייער 'נפש רוח ונשמה', און מיט דעם וועט זיך ענדיגן דער תיקון פון אלע עולמות עליונים און פון דער גאנצער בריאה, און דעמאלט וועט זיין דער 'תיקון השלם' - א שלימות'דיגע 'תיקון' אין אלע וועלטן! דעמאלט וועט משיח קומען און עס וועט ווערן אויסגעפירט דער ונגלה כבוד ה' - דער 'התגלות מלכותו' - וואס פאר דעם איז די בריאה לכתחלה באשאפן געווארן.

## יעדער תיקון האט זיך זיין צייט

די וועלט ווערט צוטיילט אויף 'עולם שנה נפש'. פונקט ווי יעדער 'נפש' האט א געוויסן חלק אין די עולמות - וועלכע האט שייכות צו זיין 'נפש' און זיין 'פלאץ' וואו ער שטייט, און ער דארף דאס פארריכטן - אזוי איז אויך פארהאן חילוקים אין 'זמן', אז יעדע שטיק צייט - האט זיך זיינע חלקים וועלכע געהערן צו דעם זמן, וואס דעמאלט איז דער צייט ווען מען דארף עוסק זיין אין דער מדה און עס צוריקברענגען צום אויבערשטן, אז עס זאל דינען בלויז פאר 'גילוי כבוד שמים'. און אויף דעם איז דער אר"י הק' מגלה, אז דער 'סדר הזמנים' צו פארריכטן די 'ספירות' - צעטיילט זיך אויף צוויי סארט 'סדרים': איינס רופט זיך 'סדר הימים' - וועלכע איז איינגעטיילט לויט די יארן וואס די וועלט שטייט. און דער צווייטער סדר רופט זיך 'סדר הזמנים' - וועלכע איז איינגעטיילט לויט די ימים טובים פונעם יאר.

## די וועלט איז איינגעטיילט אויף זיבן טויזנט יאר

**'סדר הימים' אין קורצן:** דער רבונו של עולם האט צעטיילט אלע עולמות אויף אן אופן, אז יעדן טאג האט א באזונדערער תפקיד און תיקון. דאס ארבעט אזוי: די ערשטע טויזנט יאר פון דער בריאה - איז מען מתקן אלע ענינים פון 'חסד'. די צווייטע טויזנט יאר - איז מען מתקן

'גבורה', די דריטע טויזנט יאר - איז מען מתקן 'תפארת', און אזוי ווייטער. מיר שטייען יעצט אינעם זעקסטן טויזנט - זענען מיר מתקן א מקום אין די 'עולמות העליונים' וואס דארט זענען די תיקונים פון 'ספירת היסוד'.

## יעדע טויזנט יאר ווערט צוטיילט אויף צען חלקים

דערנאך ווערט עס ווייטער צעטיילט, אז יעדע טויזנט ווערט צעטיילט אויף צען. די ערשטע הונדערט יאר - איז מען מתקן די ספירה פון 'חכמה' און אזוי ווייטער. מיר שטייען יעצט אינעם אכטן יאר-הונדערט פונעם זעקסטן טויזנט, דאס מיינט, אז מיר פאררעכטן יעצט 'הוד שביסוד', דאס הייסט אז אלע 'תיקונים' פון אלע מצוות און עבודות פון דעם איצטיגן יאר-הונדערט, איז אלעס אין דעם מקום אין די עולמות העליונים וועלכע רופט זיך דער 'הוד' פונעם 'יסוד'.

## יעדע הונדערט יאר ווערט נאכאמאל צוטיילט אויף צען חלקים

דערנאך נעמט מען די גאנצע הונדערט יאר און מען צוטיילט עס אויף צען. דאס הייסט, אז יעצט ווען מיר האלטן אינמיטן די פ' יארן - זענען מיר מתקן 'מדת היסוד'. דאס מיינט, אז מיר ארבעטן יעצט אויף 'יסוד שבהוד שביסוד'. דערנאך נעמט מען די צען יאר בפרטיות און מען צוטיילט עס אויף צען. דאס הייסט, אז יעצט האלטן מיר אינמיטן תשפ"ה - זענען מיר יעצט מתקן 'ספירת הגבורה'. דאס מיינט, אז **אין ה'תשפ"ה איז מען מתקן אין די עולמות העליונים דעם מקום וואס איז: "גבורה שביסוד שבהוד שביסוד".**

## יעדעס יאר ווערט צוטיילט קעגן צוויי מאל זעקס ספירות

דערנאך נעמט מען דעם יאר אליינס און מען צעטיילט עס אויף צוויי חלקים - ווינטער און זומער. אין יעדן חלק איז פאראן זעקס חדשים קעגן די זעקס ספירות. און אין יעדע חודש איז פאראן פיר וואכן קעגן 'חכמה', 'בינה', די 'מדות' (חג"ת נה"י) און 'מלכות'. דערנאך ווערט יעדע וואך צוטיילט אויף זיבן מדות, זונטאג איז 'חסד' און אזוי ווייטער. דערנאך ווערן די 'שעות היום והלילה' צוטיילט אויף חלקים.

## עס איז נאך קיינמאל נישט געווען די זעלבע דאווענען

קומט אויס, אז יעדער טאג האט א פונקטליכער תפקיד און א באזונדערער תיקון - וואס דאס ליגט דייקא אויף אים עס צו פאררעכטן לויט זיין זאך וואס ער טוט יעצט לויטן רצון ה'. און דערפאר שטייט פון אר"י הק', אז יעדע תפילה - האט אן אנדערע כונה! זינט די וועלט שטייט איז נאכנישט געווען איין תפילה, וועלכע זאל ווערן געזאגט מיט די זעלבע כוונה ווי אן אנדערע תפלה. ווייל יעדן טאג האט אן אנדערער 'מקום התיקון' אין די עולמות העליונים, וואס דערפאר גייען די תפילות פון דעם טאג צו דעם געוויסן פלאץ, און דערפאר ווערט עס געזאגט מיט אן אנדערע כונה וועלכע באלאנגט צו דעם געוויסן פלאץ. דאס ווערט אנגערופן דער 'סדר הימים', וועלכע ווערט אויסגעפירט דורכאויס די זעקס טויזנט יאר פון דער וועלט.

פרק ג׳

# אלה מועדי ה׳: דער אינערליכער באדייט פון די זיבן ימים טובים

ביז אהער האט מען מסביר געווען דעם אופן וויאזוי אידישע קינדער באקומען צוגעטיילט פון אויבן תפקידים צו מתקן זיין - יעדער איד בפרטיות מיט זיין געוויסע אויפגאבע אינעם ׳תיקון העולמות׳, געוואנדן לויט זיין נשמה, לויט זיין פלאץ און צייט וואו און ווען ער געפונט זיך. אבער אויסער דעם איז פאראן נאך א זאך וועלכע רופט זיך ׳סדר הזמנים׳ - וואס דאס זענען ׳שבעה ספירות׳ וועלכע זענען ׳מקולקל׳ - און יעדער איד דארף דאס אויפהייבן און צוריקברענגען צום ׳תיקון׳.

## די זיבן עולמות וועלכע ווערן פאררעכטן דורך די זיבן ימים טובים

דער ׳סדר הזמנים׳ באשטייט פון זיבן ׳עולמות׳ - קעגן די זיבן ׳מדות׳ - וואס **די דאזיגע עולמות דארפן אויך אנקומען צו כלל ישראל זאל זיי מתקן זיין. און דאס איז בעצם דער ׳עיקר תיקון׳ וואס די בריאה דארף האבן, ווייל דאס איז קעגן די ׳שבעת ימי הבנין׳** פון מעשה בראשית - וואס אויף דעם שטייט די גאנצע וועלט. און דערפאר האט די תורה אונז געגעבן זיבן ׳מועדים׳, וואס אין יעדן ׳יום טוב׳ - דורכן מקיים זיין די ׳מצוות היום׳ - זענען מיר מתקן איינס פון די זיבן ׳עולמות׳ פון דעם ׳סדר הזמנים׳, ווייל די די תיקונים פון די ׳מועדים׳ - קומט אָן אהין צו די דאזיגע ׳עולמות העליונים׳. און דורכדעם וואס מיר זענען מתקן דער געוויסער מדה און דעם געוויסן ׳עולם׳ פון דעם ׳יום טוב׳ - באקומען מיר דא אונטן א געוואלדיגע ליכטיגקייט פון אט דעם ׳עולם׳ - וועלכע איז בעצם דער ׳אור המדה׳ וועלכע איז יעצט געווארן מתוקן. און די דאזיגע ליכטיגקייט קומט אונז צונוץ, אז דורכדעם באקומען מיר די כוחות צו מתקן זיין די דאזיגע מדה אויך א גאנץ יאר - ווען עס איז נישט ׳יום טוב׳ - ׳סדר הזמנים׳, נאר פשוט׳ע וואכנטעג - ׳סדר הימים׳. דאס הייסט, יעדער ׳יום טוב׳ - וואס א איד היט און איז מקיים די ספעציעלע מצוות דערפון - גיבט אריין א כח אינעם מענטש, צו מתקן זיין איין געוויסע מדה ביי זיך אין נפש - וואס דאס איז די מדה וועלכע איז מיוחד פאר דעם יום טוב. און דאס ארבעט דורך ׳אור מלמעלה׳, אז דער איד ווערט באלאכטן מיט א געוויסע פרטיות׳דיגע ליכטיגקייט - וואס דורכדעם האט דער איד כח מברר צו זיין די דאזיגע מדה ביי זיך אין נפש, זיך פירן ריכטיג און דינען דעם אויבערשטן אויף אן אויסגעהאלטענעם אופן - לויט די מתוקן׳דיגע מדה בפרטיות.

## דער סדר בפרטיות – יעדער יום טוב מיט זיין מדה

דער ׳סדר הזמנים׳ איז אויסגעשטעלט אויף דעם סדר: **׳פסח׳ איז מתקן ׳עולם החסד׳**, און עס ברענגט אראפ צו אונז א ליכטיגקייט פון ׳חסד׳ און ׳אהבת השם׳. גאנץ **׳חודש תשרי׳ פון ׳ראש השנה׳ ביז נאך ׳שמחת תורה׳ איז מתקן ׳עולם הגבורה׳**, און עס ברענגט אראפ צו אונז א ליכטיגקייט פון ׳יראת שמים׳. **׳שבועות׳ איז מתקן ׳עולם התפארת׳**, און עס ברענגט אראפ צו אונז א ליכטיגקייט פון ׳שלימות׳ און ׳דביקות׳. **׳פורים׳ איז מתקן ׳עולם הנצח׳**, און עס ברענגט אראפ צו אונז א ליכטיגקייט פון ׳נצחון

הקדושה', אויסצופירן גוטע זאכן אויף למעשה. **'חנוכה' איז מתקן 'עולם ההוד',** און עס ברענגט אראפ צו אונז א ליכטיגקייט פון 'הודאה'; ווי מען וועט באלד צוקומען באריכות. גאנץ **'שובבי"ם' צוזאמען מיט 'חמשה עשר בשבט' און 'חמשה עשר באב' איז מתקן 'עולם היסוד',** און עס ברענגט אראפ צו אונז א ליכטיגקייט פון 'קשר' און 'השפעה'. (וועלכער יום טוב עס איז מתקן 'עולם המלכות' - שטייט נישט קלאר. און עס איז פארהאן אן אריכות אין די ספרים אויף דעם. טייל זאגן אז 'שמיני עצרת' איז דאס מתקן, אנדערע זאגן אז 'משיח בן דוד' וועט דאס מתקן זיין. ואכהמ"ל).

## יו"ט פסח גיבט א כח צו פאררעכטן די אהבה – עס זאל זיין בלויז צום אויבערשטן

**לקרב אל השכל:** מען וועט אנכאפן לדוגמא די ערשטע מדה - מדת החסד, וואס דאס מיינט 'אהבה' (און פון דעם וועט מען שוין פארשטיין, אז על זה הדרך ארבעט עס ביי אלע אנדערע ימים טובים - כלפי זייערע מדות וואס זיי פאררעכטן). יעדער איינער ווייסט ביי זיך, אז זיין 'אהבה' האט אין זיך צוויי חלקים - א 'יצר טוב' און א 'יצר הרע'. ער האט זייער ליב צו לערנען, צו דאווענען, צו טון מצוות, צו זיין ערליך. אבער ער האט אויך חלקים בנפשו, וואס ער האט ליב צו עסן, צו שלאפן, צו האבן אסאך געלט, צו תאוות וכדומה - וואס דאס זענען די מקולקל'דיגע חלקים פון דער 'ספירת החסד'; וואס אין די חסיד'ישע ספרים רופט זיך דאס 'אהבות נפולות'. און די עבודה פון א איד איז: צו ארבעטן אויף זיין 'אהבה', אויסצורייסן פון זיין נפש די שלעכטע אהבות, עס זאל בלייבן בלויז די גוטע חלקים פון 'ספירת החסד', אז ער זאל ליב האבן בלויז גוטע זאכן.

## נישט אלעמאל האט מען דעם סייעתא דשמיא ווי אין א יום טוב

א גאנץ יאר שרייט א איד: "עס איז דאך אזוי שווער! עס ציהט מיר און שלעפט מיר אויף אראפ! פון וואו נעם איך די כוחות צו אוועקווארפן אלע 'אהבות הנפולות'?!". דערפאר גיבט מען אים א 'חודש ניסן', און בפרט א 'יום טוב פסח' מיט די 'ימי הספירה'.

און מען זאגט אים: דו זיי מקיים די עבודה פון די אלע טעג, מאך די הכנות צום פסח, דערנאך זאלסטו עסן מצה און מרור, דערנאך צייל ספירה פאר ניין און פערציג טעג, און דורכדעם וועסטו פלוצלינג שפירן ווי עס צושפרייט זיך אין דיין נפש א ליכטיגער געפיל פון אהבת ה' - וועלכע וועט פארטרייבן די אלע שלעכטע אהבות! און **אט דער 'אור החסד' וועט דיר געבן כח אויף א גאנץ יאר, אז דו זאלסט כסדר קענען מברר זיין און אויפארבעטן די מדת אהבה אין דיין נפש, אז דו זאלסט דינען דעם אויבערשטן מיט 'מדת החסד':** ליב צו האבן דעם אויבערשטן, ליב צו האבן אידן, ליב צו האבן די תורה, ליב צו האבן צדיקים און תלמידי חכמים, ליב צו האבן דעם שבת און ליב צו האבן יעדע הייליגע זאך. וואס דעמאלט וועט אויסקומען, אז דיין 'ספירת החסד' איז א 'גילוי' פארן אויבערשטן און נישט קיין 'הסתרה'! וואס דאס איז דאך דער תכלית פון די גאנצע בריאה, אז די מדות זאלן מגלה זיין דעם רבונו של עולם און נישט מעלים זיין דעם רבונו של עולם. (אגב: פסח איז אברהם אבינו'ס יום טוב. ווייל אברהם'ס עיקר עבודה איז 'חסד', און דערפאר האט ער דייקא ממשיך געווען אט דעם 'אור החסד' פון 'יציאת מצרים' - וועלכע איז אן עבודה פון 'בירור החסד').

## דער 'נס' פונעם יו"ט האט דירעקט שייכות צו דער מדה פונעם יו"ט

יעדער יום טוב האט א 'מעשה', וואס עס האט פאסירט עפעס א ישועה 'בדרך נס' - וואס צוליב דעם איז נקבע געווארן דער יום טוב. און טייל ימים טובים איז דער 'נס' געווען געבויעט אויף א 'הצלה' פון א געוויסער שונא. 'פסח' - איז מען ניצול געווארן פון 'קליפת מצרים'. 'חנוכה' - פון 'קליפת יון'. 'פורים' - פון 'קליפת המן ועמלק'. לויט פנימיות התורה, איז דער 'שונא' - פון וועמען מען איז ניצול געווארן - דער 'חלק הרע' פון דער פרטיות'דיגער 'ספירה' און 'מדה' וואס מען דארף יעצט פאררעכטן. לדוגמא: די מעשה פון פסח איז 'יציאת מצרים'. די קליפה פון מצרים איז 'חסד דקליפה'; ווי די תורה רופט זיי אן: "ערות הארץ" - דארט איז געווען דער מקור פון אלע תאוות רעות. דאס הייסט, אז ווען אידן זענען געווען אין 'גלות מצרים', זענען זיי געווען ארומגענומען מיט שרעקליכע 'אהבת רעות' וועלכע האבן מסתיר געווען

אויפן רבונו של עולם מיט א מקולקל'דיגער 'ספירת החסד'. און ווען עס איז געשען 'יציאת מצרים' - זענען אידן פטור געווארן פון די שלעכטע תאוות, און באקומען א 'בירור מדת החסד', צו נוצן דעם 'מדת החסד' בלויז אויף גוטס. און דערפאר חזר'ט זיך איבער יעדעס יאר דער דאזיגער 'יציאת מצרים', ווייל יעדעס יאר דארפן מיר מתקן זיין נאך א חלק פונעם 'עולם החסד' פונעם 'סדר הזמנים' - וואס דארט אין דעם חלק איז געווען ביז יעצט א צובראכענער 'מדת החסד' וועלכע האט פארשטעלט אויפן רבונו של עולם, און יעצט ווען עס קומט פסח און מיר טוען די מצוות פון פסח - זענען מיר גורם א 'יציאת מצרים' דארט אין יענעם 'עולם' פון 'סדר הזמנים', עס ווערט דארט א בירור אין 'מדת החסד', מען ווערט פטור פונעם 'חלק הרע' און עס ווערט א ריינע 'חסד דקדושה. און דער 'אור החסד' קומט אראפ דא אונטן צו אונז, און גיבט אונז כח צו מאכן דעם בירור אינעם 'סדר הימים' - דורכאויס דאס גאנצע קומענדיגע יאר.

> **דערפאר איז א חסיד'ישער איד כסדר פארנומען מיטן יום טוב וואס איז געווען אדער מיטן יום טוב וואס קומט**

## פורים איז דער נס געווען אין דער ספירה פון 'נצח'

א דוגמא פון פורים: די מעשה פון פורים איז, אז אחשורוש און המן - וועלכע זענען א צוזאמשטעל פון 'קליפת עמלק' און 'קליפת פרס' - האבן גוזר געווען א 'גזירת כליה' אויף כלל ישראל, און די צדיקי הדור - מרדכי ואסתר - האבן ממשיך געווען א ישועה פארן כלל ישראל און מען איז ניצול געווארן פון דער קליפה. אין פנימיות התורה טייטשט מען דאס אפ: אין יענע תקופה האט זיך דער 'חלק הרע' פון 'מדת הנצח' מתגבר געווען - דורך די דאזיגע קליפות וועלכע זענען מכוון קעגן דעם. דאס הייסט, אידן פון יענעם דור האבן זיך געמוטשעט מיט שווערע נסיונות אינעם ענין פון 'נצחון דקליפה', וואס זיי האבן פארלוירן דעם 'נצחון' און 'נצחיות' פון דער קדושה, זיי האבן געזאגט 'אבד נצחי ותוחלתי מה' - מיר האבן מער נישט קיין האפענונג אויף די גאולה.

און אנשטאט האבן זיי גענוצט דעם 'נצחון' אויף א מקולקל'דיגן אופן, דורכצופירן אויף למעשה נישט גוטע זאכן. קומט אויס, אז די מדה פון נצח האט מסתיר געווען דעם רבונו של עולם אויף דער וועלט. זענען געקומען די דעמאלטדיגע צדיקי הדור - מרדכי ואסתר, און זיי האבן ממשיך געווען א העכערע אור פון אויבן, וואס דאס גיבט אריין א כח צו נוצן די מדה פון נצח בלויז אויף א הייליגן אופן - מגלה צו זיין דעם אויבערשטן אויף דער וועלט דורך נצח. און דורכדעם איז געווארן א תיקון אינעם 'עולם הנצח' פונעם 'סדר הזמנים' - וואס דער תיקון ווערט יעדעס יאר נשלם מיט נאך א חלק און נאך א חלק. און דורכדעם באקומען מיר יעדעס יאר פורים נאך א חלק פונעם 'אור הנצח' וועלכע העלפט אונז אויף דער תיקון פון 'סדר הימים' א גאנץ יאר.

## מען דארף זיין מקושר צו יו"ט א גאנץ יאר – כדי צו נעמען פון דארט כוחות

נאך דער הקדמה ביז אהער - פארשטייט מען פארוואס א חסיד'ישער איד לעבט מיט ימים טובים א גאנץ יאר. ווייל די גאנצע 'תכלית הבריאה' באשטייט דאך פון דעם, וואס נשמות ישראל זענען מתקן אלע 'עשר ספירות' פון די העכסטע 'עולמות העליונים' - ביז צו אונזער וועלט דא אונטן. און דער אופן וויאזוי מיר זענען עס מתקן, איז דורכדעם וואס יעדער איינער איז מתקן זיינע מדות פון זיין אייגענעם נפש. און דער שורש פון וואו מיר נעמען די כוחות צו מתקן זיין אונזערע מדות - איז בעיקר פון די ימים טובים. **דערפאר איז א חסיד'ישער איד כסדר פארנומען מיטן יום טוב וואס איז געווען אדער מיטן יום טוב וואס קומט**, ווייל דורכדעם וואס ער איז מקושר צום יום טוב - שעפט ער כוחות פון דארט אויף זיין טאג טעגליכן לעבן.

לאמיר צוזאמנעמען אין קורצן א סך הכל פון ביז אהער:

א. דער אויבערשטער האט באשאפן 'צען ספירות' - פון כתר ביז מלכות. און פון די 'צען ספירות' איז נשתלשל געווארן אסאך השתלשלות'ן, ביז עס איז געווארן אלע 'עולמות העליונים', ביז עס איז געווארן אונזער וועלט דא אונטן. קומט אויס, מיר לעבן אין א וועלט - וועלכע איז 'כל כולו' א מציאות פון 'עשר ספירות', און עס איז נישטא עפעס אנדערש.

ב. די בריאה האט געהאט א בעסערער פלאן וויאזוי עס זאל אויסזען, און במציאות זעט די וועלט נישט אויס וויאזוי עס האט געדארפט אויסזען - לויטן ערשטן פלאן. דאס מיינט: אלע 'עולמות' - פון די העכסטע ביז צו די נידריגסטע - דארפן א גרויסן תיקון.

ג. דער פירוש המלות פון 'קלקול' און 'תיקון': דער לכתחלה'דיגער פלאן איז געווען, אז די וועלט - יעדע פון די צען ספירות - זאל אויסרופן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. דער 'קלקול' איז: די וועלט - יעדער פון די צען ספירות - רופט אויס אז די וועלט איז הפקר. דער 'תיקון' איז: מען איז צוריק מגלה דעם אויבערשטן אין דער וועלט - אין יעדע פון די צען ספירות. דער 'אופן התיקון' איז: דורכדעם וואס מען נוצט יעדע מדה בלויז לפי רצון ה', וואס מיט דעם ווייזט מען, אז בלויז רצון ה' באשטימט די הנהגה פון יעדע פון די צען ספירות - וועלכע איז כולל די גאנצע וועלט.

ד. **סדר הימים:** אלע עולמות וועלכע באלאנגען אונטער 'סדר הימים' - ארבעט זייער תיקון לויט 'עולם', 'שנה', 'נפש'. יעדער אידישער 'נפש' קומט אַן צו געוויסע פלעצער (עולם) און ער גייט דורך געוויסע זמנים און תקופות אין לעבן (שנה). וואס די אלע פרטים זענען מעורר אין זיין 'נפש' געוויסע נסיונות פון געוויסע 'מדות רעות' - וועלכע ווילן זיך מתגבר זיין אויף אים. און דורכדעם וואס ער איז 'בוחר בטוב', ער איז מברר אין זיין נפש די גוטע חלקים פון דער געוויסער מדה, און ער שטייט אוועק פון די שלעכטע חלקים פון דער מדה - איז ער מתקן זיין 'עולם שנה נפש', און דורכדעם איז ער מתקן זיין חלק אין די אלע עולמות - וועלכע זענען אונטער 'סדר הימים'.

ה. **סדר הזמנים:** אלע עולמות וועלכע באלאנגען אונטער 'סדר הזמנים' - צוטיילן זיך בכלליות אויף זיבן עולמות - קעגן די זיבן מדות. יעדע מדה איז א וועלט פאר זיך, און האט זיך זיין פלאץ אין א געוויסן עולם - וואו דארט איז זיין תיקון. דער תיקון פון די 'עולמות' און 'מדות' - ארבעט לויט 'מועדי השנה'. יעדע מדה האט זיך זיין באזונדערן יום טוב, וואס דעמאלט איז מען מתקן די דאזיגע מדה און עולם. 'זה לעומת זה' - יעדע מדה האט א קליפה, וואס דאס איז דער 'חלק הרע' פון דער מדה - וועלכע איז זיך מתנגד צום אור פון דעם יום טוב.

ו. דורכדעם וואס מען איז מקיים די 'מצוות היום' פונעם יום טוב - וועלכע איז מתקן דעם געוויסן מדה און עולם - קומט אראפ צום מענטש אן 'אור המדה', א ליכטיגקייט פון דער 'חלק הטוב' פון דער געוויסער מדה פונעם יום טוב. דער אור גיבט כח אויף שפעטער, צו מתקן זיין דעם 'סדר הימים' דורכאויס דעם גאנצן יאר.

פרק ד'

# הודך והדרך: דער באדייט פון 'מדת הוד' און אלעס ארום איר תיקון

מען האט פריער געלערנט, אז יעדער יום טוב האט זיין מדה. און אז 'חנוכה' איז דער זמן ווען מען איז מתקן 'מדת ההוד' פונעם 'סדר הזמנים'. אויב מען וויל פארשטיין דעם יום טוב חנוכה מיט א קלארקייט, צו ארויסהאבן וואס עס איז דער ספעציעלער 'אור' פון חנוכה - דארף מען קודם פארשטיין מיט א קלארקייט: **וואס מיינט דאס פונקטליך די מדה פון הוד? וואס איז דער 'מהות' פון דער מדה? וויאזוי זעט אויס דער 'קלקול' פון 'הוד' ווען ער איז נאכנישט מתוקן? וואו פונקטליך באגעגענען מיר זיך דערמיט אינעם טאג טעגליכן לעבן?** און דורכדעם וועט מען באקומען א קלארקייט אינעם גאנצן יום טוב חנוכה.

## די דריי טייטשן פון 'הוד'

דאס ווארט **'הוד'** האט דריי טייטשן - וואס אלע דריי זענען אמת און זענען פארבונדן איינס מיטן אנדערן: א) **'הודאה'** - דאנקען און לויבן. ב) **'הודה לו'** - זיך מודה זיין אויף א טעות אדער עולה. ג) **'הודה וזיוה'** - שיינקייט און פראכט. אז מען וועט אפלערנען די מדה פון 'הוד', וועט מען דורכדעם פארשטיין וויאזוי די דריי זאכן גייען אינאיינעם.

## די נקודה פון 'הוד' – זיך איינבייגן צום אמת

די מדה פון 'הוד' אין איין ווארט: **'הכנעה' און 'הודאה' צום 'אמת' און צום 'פנימיות' פון דער בריאה.** דאס הייסט, אז דער מענטש זעט איין און אנערקענט מיט א קלארקייט, וואס עס איז די אמת'ע שיינקייט פון דער בריאה - וואס דאס איז דער 'פנימיות' פון דער בריאה. און אלס תוצאה פון דער הכרה - בייגט ער 'זיך' מיט זיין גאנצער מציאות - צו דעם דאזיגן אמת. לאמיר דאס פארשטיין קלאר, און דורכדעם וועלן מיר פארשטיין די גרויסקייט פונעם יום טוב חנוכה.

> **וואס מיינט דאס פונקטליך די מדה פון הוד? וואס איז דער 'מהות' פון דער מדה? וואו פונקטליך באגעגענען מיר זיך דערמיט אינעם טאג טעגליכן לעבן?**

## מען קען אנקוקן די בריאה מיט א חיצוניות'דיגע בליק – 'טבע'

די גאנצע בריאה פון אויבן ביז אונטן - האט אין זיך א 'חיצוניות' און א 'פנימיות'. יעדע איינציגסטע פרט פון דער וועלט, קען מען אנקוקן מיט א חיצוניות'דיגן בליק, און מען קען עס אנקוקן מיט א פנימיות'דיגן בליק. לאמיר עס קודם זען בכלליות, און נאכדעם עטליכע פרטים אלס דוגמא. א מענטש שטייט אויף אינדערפרי, ער גייט ארויס אויפן גאס, און ער זעט פאר זיך א שיינע וועלט: די זון האט אויפגעשיינט,

עס איז דא פרישע לופט צו אטעמען, מענטשן קומען און מענטשן גייען, קארס פארן אהין און אהער, געשעפטן זענען אנגעפילט מיט עסן, וכדומה. פון אויבנאויף זעט ער דא פאקטן וואס דער 'עולם השקר' פארקויפט: דער זון האט אויפגעשיינט - וויבאלד ער האט זיך נאכאמאל ארומגעדרייט די וועלט ביז ער איז צוריקגעקומען צום פלאץ וואו ער שיינט אויף! די פרישע לופט איז דא - וויבאלד עס וואקסן דא ביימער ארום און ארום! מענטשן גייען און קומען - וויבאלד זיי דארפן ערלעדיגן און מסדר זיין זייערע זאכן! קארס פארן אהין און אהער - וויבאלד זיי האבן גענוג גאז צו פארן! געשעפטן זענען פול מיט עסן - וויבאלד עס איז דא גענוג געלט אין דער עקאנאמיע! דאס רופט זיך 'חיצוניות', אז דער מענטש מערקט בלויז די אויסערליכע בילד וואס זיינע אויגן זעען.

## א איד דארף אנקוקן די וועלט מצד איר אמת – די השגחה פרטית און דער פנימיות

אין'אמת'ן אבער האט די וועלט א 'פנימיות' - וואס דאס איז דער עכטער מציאות פון אונטערן פירהאנג. מען קען עס רופן דער 'אמת' פון דער וועלט, און מען קען עס רופן די 'פנימיות' פון דער וועלט, ווייל דער 'פנימיות' איז דער 'אמת' פון דער וועלט! דאס איז די עכטע פאקט! דער פראבלעם איז נאר, אז עס איז דא א 'חיצוניות' פון וועלט, וואס דאס איז דער 'עולם הטבע', וועלכע איז 'שקר' און פארשטעלט דעם 'אמת'. די פנימיות פון דער וועלט איז: די זון האט אויפגעשיינט - וויבאלד דער אויבערשטער האט אים ארויסגעשיקט באלייכטן די וועלט! עס איז דא פרישע לופט - וויבאלד דער אויבערשטער גיבט אונז צו אטעמען! מענטשן גייען און קומען - ווייל דורכדעם טוען זיי אויף גרויסע זאכן אין דער וועלט! קארס פארן אהין און אהער - וויבאלד דער גרויסער 'משגיח' וויל יעצט רוקן דעם שטיקל דומם פון דא צו דארט! די געשעפטן זענען פול מיט עסן - וויבאלד דער 'זן את הכל' האט בהשגחה פרטית ארייגעשיקט אהער געוויסע 'ניצוצות' וועלכע דארפן אנקומען צו די געוויסע מענטשן - וועלכע וועלן דאס מעלה זיין דורך זייער עסן מיט א ברכה. וכדומה.

## די צוויי סארט שיינקייטן שלאגן זיך און ווילן דער מענטש זאל זיך מכניע זיין בלויז צו אים

**קומט אויס:** די וועלט האט צוויי סארט שיינקייטן, עס האט א שיינקייט פון 'פנימיות' - וועלכע איז א געטליכקייט און א ליכטיגקייט. און עס האט א שיינקייט פון 'חיצוניות' - וועלכע איז דער אויסערליכער 'שקר החן' פון דער בריאה. און די צוויי שיינקייט זענען א 'סתירה' איינס צום אנדערן, און **יעדער מענטש האט א בחירה אויסצואוועלן איינע פון די צוויי, אדער וועט ער קוקן בלויז אויפן 'פנימיות' אדער בלויז אויפן 'חיצוניות'.** טאמער וועלט ער אויס צו קוקן בלויז אויפן 'פנימיות' - האט ער יעצט גענוצט די מדה פון 'הוד' אויפן ריכטיגן אופן, ווייל ער האט זיך 'געבויגן' און געהאט א 'הכנעה' - צום 'אמת' און 'פנימיות' פון דער בריאה. און דאס רופט זיך 'הוד - מלשון מודה במקצת', אז דער מענטש איז 'מודה' צום אמת'דיגן שיינקייט 'הוד - מלשון הודה וזיוה' - כאטש וואס עס שטימט נישט מיט זיין אויבערפלעכליכע אחיזה אין וועלט. ווידער, אויב קוקט ער בלויז אויפן 'חיצוניות' פון דער וועלט - האט ער יעצט גענוצט די מדה פון 'הוד' אויפן קרומען אופן, ווייל ער האט זיך 'געבויגן' און געהאט הכנעה צום 'שקר' און צום חיצוניות'דיגן שיינקייט פון דער בריאה.

## 'הוד דקליפה' – זיי זיך מבטל צום חיצוניות

**אין אנדערע ווערטער:** יעדער איד האט אין זיך א 'נפש אלקית' וועלכע שפירט ביי זיך דעם אמת, אז די בריאה האט עפעס טיפערס ווי בלויז דאס וואס מען זעט מיט די אויגן. און טאמער ער קוקט בלויז אויפן חיצוניות'דיגן שיינקייט פון דער בריאה - האט ער דערשטיקט און 'מכניע' געווען דעם אינערליכן 'נפש אלקית' צום 'נפש הבהמי' וועלכע איז מחובר צום חיצוניות'דיגן שיינקייט. ווידער, טאמער קוקט ער בלויז אויפן אינערליכן שיינקייט וואס טוט זיך אפ אין דער בריאה, אז דער אויבערשטער פירט זיין וועלט מיט אזא ליכטיגקייט און שיינקייט להפליא - איז ער מבטל און מכניע זיין 'נפש הבהמי' - וועלכע שפירט בלויז 'חיצוניות' - צום 'נפש אלקי' וועלכע שפירט 'פנימיות'. (דא ביי דעם פאל, ווערט נישט דער 'נפש הבהמי' דערשטיקט און

צוקוועטשט - ווי אינעם פארקערטן פאל. ווייל ווען מען איז בטל צו אן 'אמת' און צו אן 'אור' - איז די הכנעה א זיסע זאך. דער 'נפש הבהמי' ווערט 'נכנע' און 'נכלל' אינעם העכערן אור פון 'פנימיות הבריאה').

## לעבן מיט פנימיות פאדערט 'הכנעה' פונעם 'ישות'

ווען א מענטש וועט זיך בודק זיין ביי זיך אין נפש - וועט ער זען, אז צו לעבן מיט דעם 'פנימיות' - איז נישט לייכט! עס פאדערט זיך דערצו א טיפע 'הכנעה'. ווייל **אין דער רגע וואס א מענטש איז 'מודה', אז די גאנצע חיצוניות'דיגע וועלט איז גארנישט שפירט ער ביי זיך, ווי זיין גאנצע עקזיסטענץ צופאלט אים!** ווייל ביז יעצט האט ער זיך איינגערעדט, אז 'ער' טוט און 'ער' מאכט, ער קען זיך מסדר זיין מער אדער ווייניגער, ער האט עפעס א וואָרט אויף זיין לעבן, וכדומה. אבער **איינמאל ער האט מכיר געווען דעם אינערליכן אמת פון דער וועלט, אז אלעס ווערט געפירט פון אויבן און אלעס האט א פונקטליכן חשבון וואס ער קען נישט און וועט קיינמאל נישט פארשטיין פאלט אים ארויס די לייצעס פון די הענט... ער שפירט ווי זיין גאנצע מציאות איז נישט אונטער זיין קאנטראל! און דערפאר מוז מען האבן א גרייטקייט פון 'מדת הוד הכנעה'**, א שטארקע הכנעה און אן אמת'ע 'ביטול', אז ער זאל זיין גרייט 'מודה' צו זיין אז ער קען גארנישט! ער איז אינגאנצן אנגעוויזן אויפן אויבערשטן!

**אין דער רגע וואס א מענטש איז 'מודה', אז די גאנצע חיצוניות'דיגע וועלט איז גארנישט שפירט ער ביי זיך, ווי זיין גאנצע עקזיסטענץ צופאלט אים!**

## בתחלת הבריאה איז 'הוד' געווען א כח וואס דורכדעם איז דער רבוש"ע נתגלה געווארן

**קומט אויס:** די צורה וויאזוי עס האט אויס געזען 'הוד בתפארתה', 'תיקון ההוד' - איידער די מדות זענען געווארן מקולקל איז, אז די חיצוניות'דיגע וועלט האט נישט מסתיר געווען אויף די פנימיות'דיגע וועלט, נאר אדרבא, **די חיצוניות'דיגע וועלט האט פארציילט וואס עס טוט זיך אינווייניג! די פנימיות'דיגע וועלט האט ארויסגעשיינט דורך די 'חיצוניות'!** ווען מען האט אנגעקוקט דעם חיצוניות'דיגן וועלט - האט מען געזען אז דער אויבערשטער פירט די וועלט פון אינעווייניג! ווען מען האט אנגעקוקט א איד - האט מען געזען אז זיין גאנצע מציאות שרייט 'איד'! זיין 'נשמה' האט ארויסגעשיינט דורך זיין 'גוף'! און דאס איז די ריכטיגע 'הוד' - שיינקייט פון דער וועלט און פון יעדע גוטע זאך.

## נאכן קלקול איז 'הוד' עפעס וועלכע העלפט צו צום הסתר פנים

די צורה וויאזוי עס זעט אויס 'הוד בחורבנה', 'קלקול ההוד' - נאכדעם וואס די מדות זענען געווארן 'מקולקל' איז, אז דער 'חיצוניות' פארשטעלט דעם 'פנימיות'! ווען מען קוקט אויף דער וועלט - זעט מען א וועלט פון 'טבע', א וועלט פון 'כוחי ועוצם ידי', כאילו יעדער קען טון וואס ער וויל און 'כל דאלים גבר', כאילו אז ווען מען ארבעט - מאכט מען געלט, און ווען נישט - נישט. דער חיצוניות גיבט אזא פאלשע גלאנץ וועלכע פאנגט דעם מענטש אין נעץ. אז אפילו דער איד וועלכער איז א מאמין בה' ובתורותו, ווערט אבער זיין אמונה געפיל 'נכנע' און דערשטיקט - פונעם חיצוניות'דיגן גלאנץ פון דער וועלט. און דאס איז די פאלשע 'הוד' - דער פאלשער שיינקייט פון דער בריאה.

## רשב"י איז מגלה 'פנימיות התורה' – הוד שבהוד

**דרך אגב:** רבי שמעון בר יוחאי'ס טאג איז **ל"ג בעומר** - וועלכער איז דער תיקון פון **'הוד שבהוד'**. דאס איז טאקע דערפאר, ווייל ער איז דאך דער גרויסער 'מגלה' פון 'פנימיות'. ער האט דאך מגלה געווען דעם גאנצן פנימיות פון דער בריאה, פון תורה און פון א איד. און דערפאר

איז ביי אים דא א שלימות אין 'מדת ההוד'. ווייל דער הוד זעט אויס ביי אים פונקט ווי 'הוד בתפארתה' - ווי בתחלת הבריאה.

## פרטים וואו עס קלאפט אויס 'מדת הוד'

צו זיין קלארער אין דער מדה פון 'הוד', וועט מען זען נאך עטליכע דוגמאות - וואו עס כאפט דער חילוק צווישן 'פנימיות' און 'חיצוניות'.

## מיטן אויג זעט מען נישט דעם חילוק בין ישראל לגוים

**דער הבדל צווישן אידן און גוים:** אויב מען קוקט מיט א חיצוניות'דיגע בליק - זעט מען נישט קיין חילוק צווישן אידן מיט גוים, אודאי זענען זיי אנגעטון אביסל אנדערש, אבער מצד דעם עצם מענטש - זעט מען נישט קיין חילוק.ביידע זענען אויס די זעלבע סארט ברואים, ביידע עסן, ביידע רעדן, ביידע טוען מסחר וכדומה. אבער אויב מען קוקט מיט א פנימיות'דיגע בליק, איז **דער הבדל צווישן א איד און א גוי 'כרחוק מזרח ממערב'! ווייל א איד איז א 'נשמה' וועלכע איז א 'חלק אלוק ממעל' וואס דאס איז די העכסטע זאך אין די בריאה, און א גוי איז א 'בהמה', א קליפה, א 'גארנישט'!** און צו האלטן אז דאס איז ממש דער עכטער פאקט - מוז מען האבן די 'הכנעה' פון 'הוד'.

## מיטן אויג זעט מען נישט דעם חילוק צווישן שבת און ימי החול

**דער הבדל צווישן וואכנטעג און יום טוב:** ווען מען קוקט מיט א חיצוניות'דיגן בליק - קוקן אויס אלע טעג פון יאר די זעלבע, מען זעט נישט קיין חילוק צווישן א גרינעם דינסטאג ביז א שבת'דיגער טאג! מען זעט נישט קיין חילוק צווישן סתם א טאג - ביז א חנוכה אדער פורים! אלעס קוקט אויס דאס זעלבע, די זון שיינט אויף צופרי און גייט אונטער ביינאכט, די לבנה שיינט ביינאכט און ווערט פארשוואונדן צופרי. קומט אויס, אז אין דער חיצוניות'דיגער וועלט איז אלעס די זעלבע יעדן טאג. אבער ווען מען קוקט מיט א פנימיות'דיגן בליק, איז **דער חילוק צווישן שבת און וואכנטעג 'לאין ערוך'! עס איז גאנץ אן אנדערע וועלט! אלע 'עולמות העליונים' זענען שבת אויסגעשטעלט אינגאנצן אנדערש ווי אינדערוואכן. אזוי אויך, יעדער יום טוב איז אנדערש אין אלע עולמות העליונים!** און צו האלטן אז דאס איז ממש דער עכטער פאקט - מוז מען האבן די 'הכנעה' פון 'הוד'.

## מיטן אויג זעט מען בלויז די שיינקייט פון 'כמות'

**די חיצוניות'דיגע וועלט האט פארציילט וואס עס טוט זיך אינווייניג! די פנימיות'דיגע וועלט האט ארויסגעשיינט דורך די 'חיצוניות'!**

**דער הבדל צווישן 'כמות' און 'איכות':** אין דער חיצוניות'דיגער וועלט מעסט מען יעדע זאך לויטן 'כמות'. לדוגמא: אויב א געוויסער מהלך החיים האט אונטער זיך אסאך מענטשן - ווערט מען זייער נתפעל דערפון, און באקומט א חשיבות. אבער אויב מען קוקט מיט א פנימיות'דיגן בליק, מעסט מען יעדע זאך לויטן 'איכות'. און אפילו אויב דער מהלך האט אונטער זיך נאר עטליכע מענטשן, אבער דער מהלך 'פאר זיך' איז אן אמת'ער מהלך - איז עס חשוב'ער ווי דער אנדערער מהלך וועלכע האט אונטער זיך טויזנטער מענטשן וועלכע זוכן נישט דעם אמת. ווייל אין דער פנימיות'דיגע וועלט קוקט מען נישט אויף 'אסאך', נאר אויב איז דא דארט א ריכטיגע נקודה - איז עס חשוב מצד זיין עצם חשיבות, און אויב איז עס נישט בעצם חשוב - מעג עס האבן מיליאנען שטיצער - איז עס דארנישט ווערד! ווייל מען קוקט אויף די 'חשיבות' פון די זאך בעצם; ווי רש"י זאגט אין דער וואכנדיגער סדרה: **"הפשתני הזה נכנסו גמליו טעונים פשתן הפחמי תמה אנה יכנס כל הפשתן הזה"** - דער 'פחמי' קוקט אויפן 'חיצוניות' וועלכע איז אזוי סאך, און ער כאפט התפעלות פונעם ריבוי הכמות. **"היה פיקח אחד**

**משיב לו ניצוץ אחד יוצא ממפוח שלך ששורף את כולו"** - דער 'פיקח' קוקט אויפן אמת און פנימיות, דערפאר זאגט ער אים: איין 'ניצוץ' פארברענט אלעס! איין ניצוץ פון 'אמת' - איז מער ווי מיליאנען טאן פון 'חיצוניות'!

## נאכן בעטן דארף מען זאגן 'באשעפער טוה וואס דו פארשטייסט'

נאך א פלאץ וואו עס קומט אריין די מדה פון 'הוד': עס איז פארהאן א מצוה, אז יעדע זאך וואס א איד דארף און וויל - זאל ער בעטן דעם אויבערשטן דערויף, און דאס איז 'מצות תפלה'. אבער דאס מיינט נישט צו זאגן, אז ער דארף פאר איין מינוט נאכלאזן פון זיין אמונה אז דער אויבערשטער טוט דאס בעסטע פאר אים און אז דער אויבערשטער ווייסט בעסער פון אים - וואס עס איז גוט פאר אים. נאר עם כל זה, וויל דער אויבערשטער אז א מענטש זאל ארויסברענגען זיין פשוט'ע געפילן וועלכע נאגן אים און זענען נישט איינגאנצן פרייליך מיטן מצב כמו שהוא. אבער נאכדעם וואס א מענטש בעט פונעם אויבערשטן אלע זיינע בקשות - דארף ער צוריקגיין צו 'מדת הוד' און זאגן פארן אויבערשטן: **"איך האב טאקע געבעטן די אלע זאכן וואס מיינע געפילן ווילן האבן, אבער אלעס איז בלויז לויט מיין נארישן שכל, אבער דו ווייסט דאך בעסער וואס עס איז גוט פאר מיר! דערפאר בעט איך דיר באשעפער, דו זאלסט טון וואס דו ווילסט! איך דאנק דיר אויף אלעם וואס דו טוסט מיט מיר, ווייל אלעס איז ממש גוט!"**.

## נאך א גאנצע שמונה עשרה בייגט מען זיך און מען זאגט 'מודים'

דערפאר זעט מען, אז ביים סוף פון שמונה עשרה - נאכדעם וואס דער מענטש האט שוין געבעטן אויף 'רפואה' און 'פרנסה' און אלע זיינע בקשות - ענדיגט ער מיט 'ברכת מודים', וואס דארט בייגט ער זיך איין דעם קאפ, סיי ביים אנהייב ברכה און סיי ביים סוף ברכה. דער פשט איז, דעמאלט זאגט מען פארן אויבערשטן: "איך נארישער מענטש וואלט געוואלט פירן די וועלט אזוי און אזוי, אבער באמת בין איך מכיר אז אלעס איז גוט! איך דאנק דיר רבונו של עולם אויף אלע דיינע חסדים! "על נפלאותיך וטובותיך שבכל עת" - דו טוסט מיט מיר טובות יעדע מינוט - אויך ווען מיר זעט אויס פארקערט! ווייל איך בין זיך מכניע צום אמת, אז דו ווייסט בעסער וואס עס איז גוט!".

## 'הודאה' איז א 'הכנעה' – צו דאנקען אויך אויף מען האט נישט באקומען

דערפאר ביים סוף פון שמונה עשרה ענדיגט ער מיט 'ברכת מודים', וואס דארט בייגט ער זיך איין דעם קאפ

דאס איז איינע פון די חילוקים צווישן 'הלל' און 'הודאה'. הלל מיינט, מען דאנקט דעם אויבערשטן אויף אלע זיינע השפעות טובות וואס ער טוט מיט די גאנצע וועלט בכלליות. 'הודאה' מיינט, מען דאנקט דעם אויבערשטן אויף די טובות וואס ער טוט מיט אים בפרטיות. וואס דא דארף מען שוין האבן א כח פון 'הכנעה', צו קענען דאנקען אויך אויף זאכן וועלכע זענען נישט אויס אזוי געשמאק און זיס.

## נאר א איד קען דאנקען אויפן 'נישט'

דערפאר איז 'הודאה' די נקודה פון א איד; וואס צוליב דעם הייסט יעדער איד מיטן נאמען 'יוד' - על שם הודאה; ווי עס שטייט: **"יהודה אתה יודוך אחיך"**. ווייל א גוי קען נאך אפשר זאגן 'הלל', צו לויבן דעם אויבערשטן אז די זון שיינט; ווי מען זאגט טאקע: **"הללו את ה' כל גוים"**. אבער צו דאנקען אויף זיין אייגענעם לעבן און זאגן 'אלעס איז גוט' - דאס קען נאר א איד! א גוי קען דאס נישט טון, ווייל ער האט נישט אזויפיל 'הכנעה' אין זיך, צו קענען אנערקענען אז דער אויבערשטער ווייסט בעסער וואס עס איז דאס בעסטע פאר אים. און דערפאר זאגט

מען ביי עלינו: **"שהם משתחוים להבל וריק, ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים"** - מען זאגט נישט שהם משתחוים 'ומודים', ווייל א גוי קען נישט 'מודה' זיין - אפילו פאר זיין עבודה זרה! אויב די עבודה זרה שטעלט זיך נישט צו צו אים - איז ער בועט אין דעם עבודה זרה! ווייל א גוי איז א שטיק 'חיצוניות'. נאר א איד קען 'מודה' זיין צום אמת מיט אן אמת.

## עס איז נאך שווערער צו דאנקען אויפן 'יא' ווי אויפן 'נישט'

אויבנאויף וואלטן מיר געזאגט, אז צו דאנקען אויף 'טוב הנגלה' - איז שווערער ווי דאנקען אויף עפעס וואס קוקט אויס 'נישט גוט'. אבער פון הרה"ק רבי אברהם אלימלך פון קארלין זצ"ל שטייט פארקערט: **עס איז גרינגער פאר א מענטש צו מקבל זיין באהבה דאס וואס דער אויבערשטער האט אים 'נישט' געגעבן, ווי צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף די זאכן וואס ער האט אים 'יא' געגעבן!** עס איז א שארפע און הייליגע הגדרה.

**עס איז גרינגער פאר א מענטש צו מקבל זיין באהבה דאס וואס דער אויבערשטער האט אים 'נישט' געגעבן, ווי צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף די זאכן וואס ער האט אים 'יא' געגעבן!**

## דאנקען אויף וואס ער האט 'יא' – איז א סתירה מיט זיין 'כחי ועוצם ידי'

**דער פשט איז:** זיך מכניע צו זיין און זאגן: "אויב דער אויבערשטער ווייל נישט אז איך זאל דאס האבן - איז גוט אזוי!". איז נאכנישט אזוי שווער, ווייל דא איז נישטא קיין נסיון פון 'כחי ועוצם ידי'. **אבער אז א מענטש זאל מכיר זיין, אז דאס וואס דער אויבערשטער האט אים 'יא' געגעבן קומט פונעם אויבערשטן, דאס איז שוין זייער שווער!** ווייל אויבנאויף זעט אים אויס, אז ער האט זיך דאס אליינס ערלעדיגט! עס קוקט אויס אז ער קען אליינס! און איינמאל ער שפירט אזוי, איז אים שוין זייער שווער אוועקצוגעבן די קרעדיט פארן אויבערשטן... **ווייל דאס איז א סתירה צו זיין 'ישות'! ווייל אויב איז דאס דעם אויבערשטנ'ס קרעדיט מיינט דאס, אז ער טוט נישט גארנישט און קען נישט גארנישט אליינס.** דערפאר איז טאקע דער עיקר עבודה פון 'הוד', מודה צו זיין אז דאס וואס ער האט 'יא' - איז אויך נישט פון 'זיך', נאר ער האט דאס באקומען פונעם אויבערשטן.

## וואו באגעגענען מיר זיך טעגליך מיט א נסיון פון 'הוד'?

כדי אנצוקומען נענטער צום שייכות צווישן 'חנוכה' מיט 'מדת הוד' - איז פארהאן נאך א נקודה אין דער מדה פון 'הוד', וועלכער איז נוגע אויף למעשה פאר יעדן איינעם פון אונז אינעם טעגליכן עבודת ה', וואס עס איז כמעט נישטא א טאג וואס מען באגעגנט זיך נישט דערמיט.

## די צוויי 'דרכים' אין עבודת ה' – 'נצח' און 'הוד'

מיר לעבן למעשה אין די חיצוניות'דיגע וועלט, וועלכע שרייט 'טבע', 'כוחי ועוצם ידי', 'תאוות' און 'מדות רעות'. א איד וועלכער וויל זיין אן ערליכער איד פארן אויבערשטן - קען נישט מיטגיין מיט דער וועלט, ווייל ער דארף דאך וויסן אז עס איז נישטא קיין 'טבע' און 'כוחי ועוצם ידי', נאר אלעס טוט דער אויבערשטער אליינס. ער טאר נישט נאכגיין נאך די שלעכטע תאוות און מדות, נאר ער דארף זיך ציען בלויז צום אויבערשטן און צו זיין תורה. די שאלה איז אבער: וואס איז דער מהלך דערין? וויאזוי גייט מען קעגן א וועלט - וועלכע שרייט פארקערט ווי אידישקייט? וואס איז דער 'דרך המלחמה' דערין? אויף דעם איז פארהאן צוויי דרכים, דער דרך פון 'מדת הנצח', און דער דרך פון 'מדת ההוד'.

## דער דרך פון נצח – זיך שלאגן קעגן דעם 'רע' ביז מען איז אים מנצח

דער דרך פון **'נצח' איז 'נצחון' באזיגן וועלט.**

**דאס הייסט, דער מענטש שטעלט זיך אוועק אנטקעגן די חיצוניות'דיגע וועלט און ער שלאגט זיך דערמיט** בפועל ממש! ער שרייט און רעדט צו זיך און צו זיינע ארומיגע כסדר: "עס איז נישטא קיין 'טבע'! א מענטש קען גארנישט - בלויז דער אויבערשטער! די אלע תאוות זענען נאריש און עס וועט גארנישט בלייבן דערפון - בלויז עבודת ה' איז נצחי!".

אין אנדערע ווערטער: **ער איז מעורר אין זיין נפש א מדה פון 'מלחמה' קעגן דעם 'רע' פון דער בריאה! נצחון, א מדה פון נצח, ער שלאגט זיך מיט דער 'חיצוניות'** און פרובירט עס א גאנצן צייט צו 'מנצח' זיין! עס איבערצושרייען און זיך מתגבר זיין דערקעגן. דאס איז דער דרך פון 'מדת הנצח' - וואס דאס איז דער אור פון פורים און 'מחיית עמלק'.

## דער דרך פון 'הוד' – ווערן 'בטל' צום ליכטיגקייט פונעם אמת

דער 'דרך' פון **הוד איז 'הכנעה' זיך אונטערבייגן אונטערן אמת. דאס הייסט, דער מענטש מאכט זיך נישט וואוסנדיג בכלל פונעם 'חיצוניות' פון דער בריאה, נאר ער איז זיך 'מבטל' צום אור! אנשטאט זיך צו טענה'ן מיטן 'חיצוניות' הערט ער זיך צו צום 'פנימיות'** און דער גאנצער חיצוניות ווערט שטום און בלייבט אָן קיין לשון! דער 'חיצוניות' ווערט 'אויס' - פון דעם שיין פונעם ריכטיגן 'אמת' וועלכע ליגט דא בפנימיות! דער אופן וויאזוי ער טוט דאס איז: ער גלייבט אינעם 'פנימיות' פון דער וועלט, ער טראכט אריין דעריין מיט א ניכטערן דעת, ער איז זיך 'מתבונן' דעריין ביז ער איז עס מכיר. און דורכדעם רעדט שוין מער נישט דער 'חיצוניות' צו אים. קומט אויס: דער 'נצח' איז פארנומען מיט 'סור מרע' - אויסרייסן דעם שקר, און דער 'הוד' איז פארנומען מיט 'עשה טוב' - זיין בטל צום אמת. אבער צום סוף קומעןביידע דרכים צום אמת.

## פארוואס איז דער 'דרך ההוד' אזא שוואכער מהלך היינט?

אויפן פאפיר שטימט עס זייער שיין, אבער אינעם מציאות איז עס נישט אזוי פשוט... ווייל יעדער ווייסט גאנץ גוט ביי זיך, אז רוב מאל ווען ער האט א 'נסיון' - האט ער נישט קיין אנדערע עצה ווי זיך צו שלאגן דערמיט און זאגן 'ניין'.

> **די מדה פון הוד איז שפעטער דורכגעגאנגען נאך א גרויסע ירידה, וואס דאס רופט זיך שוין א 'פגם' און נישט בלויז א 'קלקול'.**

און אויב ער וועט דעמאלט אנהייבן צו טראכטן פון דעם 'אמת' און 'פנימיות' וואס ליגט באהאלטן אין דער בריאה - וועט ער אין ערגעץ נישט אנקומען! ער איז נישט בכח צו אנקומען יעצט ביז צו ווערן 'בטל' צום 'פנימיות', דער נסיון פון 'עולם החיצוני' רעדט צו אים מער ווי אלע 'פנימיות'! און דערפאר האט מען אלעמאל געוואוסט, אז דער מהלך קעגן דעם יצר הרע איז א 'שטעקן'; ווי חז"ל זאגן: "ירגיז אדם יצר טוב על היצר הרע" - מען דארף זיך רייסן מיט אים און זיך שלאגן מיט אלע כוחות. שטעלט זיך א פראגע: פארוואס טאקע ארבעט נישט היינט דער 'דרך' פון הוד? עס איז דאך פונקט אזא מדה ווי 'נצח', נו, פארוואס איז דאס כמעט ווי אונטערגעגאנגען פון דער מאפע?!

## ווייל ער איז געווארן נפגם צוזאמען מיטן 'גיד הנשה'

דער תירוץ שטייט פון אר"י הק': אלע מדות זענען געווארן 'מקולקל' בלויז איין מאל בתחלת הבריאה. וואס דעמאלט איז יעדע מדה געווארן אויסגעמישט פון 'טוב' מיט 'רע', עס האט אין זיך חלקים וועלכע פארדעקן דעם אויבערשטן, און עס האט אין זיך חלקים וועלכע זענען מגלה דעם אויבערשטן. און דערפאר קען א מענטש דאס אנכאפן ביי די גוטע חלקים און דאס בלויז נוצן אויף מגלה צו זיין דעם אויבערשטן. און איינמאל א מענטש האט 'מברר' געווען דעם 'טוב' פון דער געוויסער מדה - איז ער שוין שולט אויף דער מדה עס צו נוצן בלויז צום גוטן. לדוגמא: אויב א מענטש האט 'מברר' געווען די מדה פון 'חסד', און 'מכיר' געווען אז

עס איז נישטא קיין אמת'ע אהבה - אויסער צום אויבערשטן און צו אלץ וואס ער האט ליב - איז ער ארויסגעגאנגען פון אלע נסיונות פון 'אהבת נפולות', וויבאלד די 'מדת החסד' איז ביי אים אויסגעריינינגט.

## 'הוד' האט געליטן א 'פגם' אפילו אין זיינע 'חלקי הטוב'

זאגט אבער דער אר"י הק': **די מדה פון הוד איז שפעטער דורכגעגאנגען נאך א גרויסע ירידה, וואס דאס רופט זיך שוין א 'פגם' און נישט בלויז א 'קלקול'.** דאס איז געווען בשעת ווען יעקב האט זיך געשלאגן מיטן 'שרו של עשו', און דער פסוק זאגט: "וַתֵּקַע כַּף יֶרֶךְ יַעֲקֹב". זאגט דער זוהר הקדוש, אז דורכדעם איז די מדה פון 'הוד' נפגם געווארן. דאס הייסט, נישט בלויז אז עס איז פארהאן אין אים א געמיש פון 'טוב ורע', נאר אפילו דער 'חלק הטוב' פון הוד, איז געווארן 'נפגם'! מען קען אים נישט געהעריג נוצן! דאס הייסט, אפילו נאכדעם וואס דער מענטש האט שוין 'מברר' געווען די מדה פון 'הוד' און ער איז געווארן אינגאנצן קלאר, אז די אמת פון דער וועלט איז דער 'פנימיות' און דער 'חיצוניות' איז נישט מער ווי הוילע 'דמיון' און שקר - האט ער נאכאלץ א געוואלדיגע שוועריקייט זיך צו בייגן צום אמת 'בפועל' - בלויז מצד זיין 'הכרה' אין דעם, און דערפאר וועט ער זיך מוזן באנוצן מיט 'נצח', מיטן כח פון מלחמה קעגן 'חיצוניות'. און בעיקר איז עס נוגע, בשעת ווען עס קומט אונטער א נסיון און מען דארף נוצן דעם 'מדת ההוד' בפועל ממש - איז זייער שווער עס צו נוצן! ווייל דער 'פגם ההוד' האלט אפ פון צו דינען דעם אויבערשטן מיט דער מדה פון 'הוד'.

## אין 'מדת ההוד' הערשט די גרעסטע חושך

**קומט אויס:** דער גרעסטער חושך און העלמה וואס איז דא אין דער וועלט - איז אויף 'מדת הוד'. אז דער מענטש ווערט זייער שנעל פארכאפט אין 'קלקול ההוד' - זיך צו בייגן און קניען צום 'חיצוניות' פון דער וועלט. און עס איז זייער שווער, זיך מבטל זיין און מכניע זיין, צום 'פנימיות' פון דער וועלט.

פרק ה'

# מחץ מתנים קמיו: אור החנוכה איז 'הוד דקדושה' – וועלכע איז מכניע 'הוד דקליפה'

נאך די אלע הקדמות איבער די 'עשר ספירות', איבער דעם תפקיד פון די 'ימים טובים' און איבער דעם 'מדת הוד' - וועט מען פארשטיין וואס אלע ספרים שרייבן, אז חנוכה איז דער 'תיקון' אויף 'מדת הוד'. און דורכדעם וועט מען פארשטיין וואס עס איז דער גרויסער כח און אור, וואס עס קומט אראפ אינעם יום טוב חנוכה, אז מען זאל דאס קענען מיטנעמען אויף א גאנץ יאר.

## חנוכה איז 'ליכט' – אויב עס איז ליכטיג ווערט מען ממילא בטל צום אור

די מצוה פון יום טוב חנוכה איז 'ליכט'. דאס הייסט, עס איז א צייט וואס מען איז ממשיך גאר גרויסע 'ליכטיגקייטן' פון אויבן - ביז צו אונז דא אונטן. אין פשוט'ע ווערטער מיינט דאס: דעמאלט קומט אראפ א שיין, וואס מיר הייבן אָן צו שפירן דעם שיינקייט פון דער 'פנימיות'! מען פאנגט אָן צו פארשטיין צום 'אמת' פון דער פנימיות! **עס ווערט אים אזוי ליכטיג און קלאר די פנימיות פון דער וועלט, אז עס ווערט ביי אים אן עכטער פאקט און מציאות פונקט ווי די חיצוניות'דיגע וועלט!** און אזוי הייבן מיר אָן משיג צו זיין און צו זיין א מבין, צום אמת פון עבודת ה'! מיר באקומען א כח זיך מכניע צו זיין צו די 'אמונה' פון השגחה פרטית, צו די ליכטיגקייט פון אהבת ה' און יראת ה' - אָן זיך דארפן שלאגן און מלחמה האלטן מיטן 'רע' - אויפן דרך פון 'מדת הנצח', נאר מיט א געשמאק און מיט א ליכטיגקייט! עס הערשט אן 'אור' אין אידישקייט, פשוט ווייל דאס איז דער אמת, און דאס איז ליכטיג! און דאס מיינט, אז די אלע אורות פון יום טוב חנוכה - פארעכטן די מדה פון 'הוד', ווייל דורך די 'אורות' פון חנוכה - באקומט א מענטש כח אויף א גאנץ יאר, אז ער זאל קענען דינען דעם רבונו של עולם מיט 'מדת ההוד' - וויפיל עס איז שייך היינט אין גלות - זיך אביסל מער מכניע צו זיין צום 'פנימיות' פון יעדע זאך.

> **יום טוב חנוכה איז 'ליכט'. עס ווערט אים אזוי ליכטיג און קלאר די פנימיות פון דער וועלט, אז עס ווערט ביי אים אן עכטער פאקט און מציאות פונקט ווי די חיצוניות'דיגע וועלט!**

## געוועגליך ווען מען איז מיד קען מען נישט אויפשטיין מיט 'דרך ההוד' נאר מיטן 'דרך הנצח'

**על דרך משל:** איינער וויל אויפשטיין פינף אזייגער פארטאגס צו לערנען תורה. ער שטעלט אָן א וועקער-זייגער אויף פינף א זייגער. עס קומט די צייט, דער וועקער-זייגער קלינגט, און עס פאנגט זיך אָן אן ערנסטע מלחמה, פון איין זייט וויל טאקע זיין 'נפש אלקי'

אויפשטיין לערנען, אבער פון צווייטן זייט האט ער א גוף וועלכער איז פויל און שלעפט אים אראפ. און כאטש ער ווייסט גאנץ גוט, אז אויב וועט ער יעצט זיך מתגבר זיין און אויפשטיין - וועט ער גאר שטארק הנאה האבן! ער ווייסט קלאר אז צו זיצן און לערנען א פּאָר שעה גמרא תוספות פארן דאווענען - איז גאר א געשמאקער 'תענוג רוחני', אבער דער 'תענוג' שפירט ער נאכנישט 'יעצט'! בשעת ווען ער האט דעם נסיון פון אויפשטיין - איז ער פויל און מיד, און דער 'תענוג רוחני' פון לערנען פארן דאווענען רעדט נאכנישט צו אים, דאס וועט אנקומען ערשט אין א האלבע שעה ארום - ווען ער וועט זיצן מיט א קאווע ביי די גמרא, נאך א פיינע מקוה. אבער 'יעצט' שפירט ער בלויז די מידקייט און כבידות וואס דער יצר הרע ווארפט ארויף אויף אים. און דערפאר איז זייער שווער צו גיין יעצט מיט 'הוד' - זיך מכניע צו זיין און מבטל זיין צום תענוג וואס מען וועט האבן שפעטער - דורכן אריינטראכטן מיט התבוננות אין דער הנאה פון לערנען פארן דאווענען, אדער דורכן אריינטראכטן אין דער ריכטיגקייט און אמת דערפון - ווייל אינצווישן וועט ער שוין לאנג איינשלאפן אינעם צווייטן דרימל... מען האט נישט יעצט די כוחות צו נוצן 'מדת הוד', נאר דער איינציגסטער מהלך איז 'מדת נצח' - מען מוז זיך שלאגן מיטן יצר הרע און ארויסטאנצן פון בעט! די איינציגסטע עצה אויפצושטיין פארטאגס, אז מען שלאגט זיך און מען טאנצט ארויס פון בעט - אָן קיין חשבונות.

## אבער ביי מקומות הקדושים קען מען יא אויפשטיין דורך 'מדת ההוד'

**לאמיר גיין ווייטער מיטן משל:** דער זעלבער מענטש איז געפארן אויף א שבת קיין מירון, אדער קיין ליזענסק אויף כ"א אדר, און ער וויל אויפשטיין פינף א זייגער פארטאגס אויסצוזאגן גאנץ תהלים ביים ציון הקדוש ביומא דהילולא קדישא. אדער למשל, עס איז היינט א גרויסער טאג ווי דער ערשטער טאג חנוכה, 'זאת חנוכה', וכדומה. ער שטעלט אָן א וועקער-זייגער און דער זייגער קלינגט טאקע פינף א זייגער. נו, איז אים יעצט שווער ארויסצוקומען פון בעט? וועלכע מדה דארף ער יעצט נוצן אויפצושטיין, 'מדת נצח' אדער 'מדת הוד'? אודאי 'מדת הוד'! ווי מיד ער איז און וויפיל זיין גוף וואלט געוואלט שלאפן - דאך דארף ער נישט פירן קיין מלחמה! ער טאנצט ארויס פון בעט מיט גרויס חשק! עס ציהט אים שוין דאס הארץ צום הייליגן ציון! ער שפירט אז עס ברענט דא א פייער און יעדע מינוט איז אזוי הייליג און טייער, ער שפירט עס איז אזא גרויסער טאג, אז עס איז ממש א שאד צו בלייבן שלאפן! לכאורה, וואס איז דער פשט? יעדן טאג איז דאך אויך א שאד צו בלייבן שלאפן, נו, וואס איז דא געשען אנדערש ווי יעדן טאג? זעט ער דען דא מיט די אויגן עפעס אנדערש ווי יעדן טאג? דער תירוץ איז: דא איז פאראן אזא אור, וועלכע איז משפיע אויף זיין 'מדת הוד' צו זיין בטל צום אור! ביי דעם צדיק איז אזוי לעכטיג און געשמאק, אז זיין 'חיצוניות' ווערט צוגעגאנגען פון די גרויסע אורות! זיין 'חיצוניות' ווערט בטל און נכנע צום 'פנימיות'! דא דארף ער נישט ווארטן א האלבע שעה אנצוקומען צום 'פנימיות' - נאר תיכף ביים אויפשטיין - איז ער שוין ביים 'פנימיות' און 'אמת' פון דער וועלט! דאס הייסט, אז דורך די ליכטיגקייט פונעם 'מקום קדוש' אדער 'זמן קדוש' - איז דער 'פנימיות' אזוי קלאר און פאקטיש ביי אים, פונקט ווי דער 'חיצונית'.

> **געפארן אויף א שבת קיין מירון, אדער קיין ליזענסק אויף כ"א אדר, ער טאנצט ארויס פון בעט מיט גרויס חשק! עס ציהט אים שוין דאס הארץ צום הייליגן ציון!**

## דער אור פון חנוכה באלייכט די גאנצע אמונה פון א איד אויפן 'דרך ההוד'

**דער נמשל:** חנוכה שיקט דער אויבערשטער אראפ א ליכטיגקייט אויף דער וועלט - צו יעדן איד אין זיין מצב וואו ער געפונט זיך, אויף אן

אופן אז ער זאל שפירן א ליכטיגקייט! און מען רעדט נישט בלויז פון א פרט פון אויפשטיין פארטאגס, נאר מען רעדט פון א 'כלל', פונעם גאנצן אידישן לעבן, אז דער איד זאל זיך כאפן וואספארא ליכטיגקייט עס איז דא אויף דער וועלט! מען רעדט נישט פון קיין אורות וועלכע בלייבן הענגען אין די לופטן, נאר מען רעדט דא פון **אורות פון 'אמונה' אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. אורות פון 'אמונה' אז דער באשעפער איז משגיח אויף יעדע פרט ופרט. אורות פון 'אמונה' אז די 'טבע' איז אויך א 'נס'. אורות פון 'אמונה' אז תורה און מצוות שאפט א ליבליכן 'קשר' צווישן אונז מיטן אויבערשטן. אורות פון 'אמונה' אז דער אויבערשטער איז מיט אונז אין יעדן מצב. וכדומה אלע יסודות פון אידישקייט.** און די אלע אורות זענען 'מתקן' דעם 'מדת הוד', אז מיר זאלן ווערן אינגאנצן 'נכנע' און 'בטל' צום 'אור האמת' - וועלכע איז דער פנימיות פון דער גאנצער בריאה. און דאס זאל האבן אזא שטארקן כח, און מיר זאלן זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע - אָן דעם וואס מיר זאלן זיך דארפן קריגן מיט א שווערע מלחמה, נאר בלויז פאר דעם פשוט'ן סיבה, אז דאס איז דער 'אמת'! און דארט וואו דער 'אמת' איז - דארט איז ליכטיג! דאס איז 'תיקון ההוד', אז מען באקומט א נאטורליכע 'הכנעה' צו זאכן וואס זענען גוט און ליכטיג.

**די חשמונאים איז געווען פונקט פארקערט פון די יוונים, זיי האבן בכלל נישט געקוקט אויף וואס די טבע איז מחייב, זיי קוקן בכלל נישט אויף קיין חיצוניות. ווייל מיטן כח פון 'הוד' - ווערט מען אינגאנצן בטל צום פנימיות**

## דורך חנוכה קען מען אנהייבן נוצן 'דרך ההוד' אויף א גאנץ יאר

און דורכדעם האבן מיר מתקן געווען די מדה פון הוד - אז אנשטאט עס זאל מסתיר זיין אויפן אויבערשטן - איז ער מגלה דעם אויבערשטן, וואס דאס איז די 'תכלית הבריאה'. און דורכן אור פון חנוכה - האבן מיר כח אויך צו מתקן זיין דעם 'פגם ההוד' פון א גאנץ יאר. ווייל כאטש וואס מען קען טאקע נישט גיין היינט מיטן מהלך פון 'הוד' ביזן סוף - דארף מען אבער פרובירן וויפיל עס איז שייך, יא צו אויפבויען די מדה מצד הקדושה, און עס נוצן אויף וויפיל עס העלפט צו.

## קליפת יון איז דער 'הוד דקליפה' וועלכע פאדערט זיך מבטל צו זיין צום חיצוניות

מען האט פריער גערעדט, אז יעדער יום טוב האט א קליפה וועלכע איז 'זה לעומת זה' - וואס די דאזיגע קליפה איז לוחם קעגן דעם אור פונעם יום טוב. ביי חנוכה ווערט די קליפה גערופן 'קליפת יון' - וועלכע איז 'הוד בקלקולה'; ווי דער רמב"ן אין פרשת אחרי און אלע ספרי חסידות זאגן, אז די יוונים האבן געזאגט: "דריי מיר נישט קיין קאפ מיט דיינע תורות איבער 'פנימיות', איך ווייס נאר וואס איך זעה מיט מיינע אויגן! אויב איך זעה בלויז 'חיצוניות' - איז פארהאן בלויז 'חיצוניות'! די וועלט האט נישט קיין פנימיות!". און ווען דער איד האט געשריגן: "אבער מיין הארץ שפירט אז עס איז יא דא א פנימיות! מיין נשמה לאזט מיר נישט צורוה, עס שרייט אין מיר אז דא איז דא נאך עפעס - איבער וואס מען זעט!" - האט דער 'קליפת יון' גערעדט די ריכטיגע שפראך פון 'הוד בקלקולה' און געזאגט: "כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל" - דערשטיק דיינע געפילן! עס איז בלויז נארישע דמיונות! עס שטימט נישט מיטן עכטן מציאות וואס מיר זעען מיט די אויגן! זיי זיך מבטל צום 'חיצוניות', און וואס דו זעעסט נישט - עקזעסטירט נישט!".

## 'חכמת יון' איז בלויז צו דעקן זייערע כפירות אינעם רבוש"ע

די אלע 'חכמת יון' וואס זיי זענען אויפגעקומען אויף גאר קלוגע הסברים וויאזוי יעדע זאך ארבעט על פי טבע - איז נישט

געקומען פון זוכן 'חכמה' - נאר פון א כפירה אינעם אויבערשטן רח"ל, וואס דאס האט זיי געשטופט צו מסביר זיין יעדע זאך! זיי האבן געהאט א מורא'דיגן צורך אלעס מסביר צו זיין, כדי אז אלעס זאל שטימען מיט זייער כפירה אינעם אויבערשטן, או עס זאל נישט בלייבן עפעס וואס מען מוז צוקומען צו אמונה און צו 'ביטול' צו עפעס וואס מען זעט נישט און מען פארשטייט נישט.

## יון איז טונקל – מען זעט נישט וואס עס ליגט דא פארנט פון מיר

דער מדרש זאגט: **"וחושך זו יון"** - די יוונים האבן פארטונקלט די גאנצע וועלט. 'חושך' מיינט, אז מען זעט נישט וואס עס ליגט דא. עס קענען ליגן דא הונדערטער חפצים, אבער וויבאלד עס איז 'חושך' - זעה איך נישט גארנישט. אבער אין דער רגע ווען עס ווערט ליכטיג - זעט מען דעם אמת וואס עס ליגט דא אלץ. די יוונים זענען ממש א 'חושך', ווייל זיי זאגן: וואס דו זעסט נישט - איז נישטא! און מיט דעם ווערט אלעס טונקל, ווייל דעמאלט זעט מען טאקע גארנישט! עס ווערט טאקע פינסטער! ווייל ווילאנג א מענטש גלייבט אז עס איז דא מער פון וואס ער זעט - איז אים נאכנישט טונקל, ווייל זיין נשמה און אינערליכער הרגש - זעט עס. אבער אויב ער לייקנט אין וואס ער זעט נישט מיט די פליישיגע אויגן - דערשטיקט ער אלע נשמה'דיגע געפילן, און דעמאלט ווערט טאקע באמת חושך און מען זעט טאקע נישט.

> **די פנימיות'דיגע וועלט ווערן אן עכטע מציאות אין זיין לעבן! זאל כאטש די באהאלטענע וועלט ווערן א 'פאקט'!**

## איבערטייטשן תורה אויף יוניש – די תורה האט נישט קיין קדושה און פנימיות

איינע פון די חשכות'ן וואס די יוונים האבן אנגעברענגט אויף דער וועלט, איז געווען דאס וואס זיי האבן איבערגעטייטשט די תורה אויף יוונית. דאס הייסט, זיי האבן געזאגט: "דו קענסט לערנען 'פשטות התורה' אזויווי א שיינע חכמה, אבער גלייב נישט אין 'פנימיות התורה' און 'קדושת התורה', ווייל דאס זעסטו שוין נישט אפן אין דער תורה! און וואס מען זעט נישט - איז נישטא במציאות!". דאס מיינט אפגעלערנט די תורה אויפן יוונ'ישן אופן.

## מתתיהו כהן גדול איז געווען 'נשמת יששכר' – וועלכער האט עוסק געווען בתיקון הוד

דער 'זה לעומת זה' פון קליפת יון איז געווען די 'חשמונאים', און בראשם איז געווען 'מתתיהו בן יוחנן כהן גדול'. דער אר"י הקדוש זאגט אז שמואל הנביא איז געווען א גלגול פון יששכר, און ער האט אנגעפאנגען צו מתקן זיין 'מדת הוד', שפעטער איז די נשמה פון שמואל איבערגעגאנגען צו אליהו הנביא, פון דארט צו אלישע, דערנאך צו חזקיהו מלך יהודה, און פון דארט איז די נשמה אריינגעגאנגען אין 'מתתיהו כהן גדול' - וואס ער איז געווען דער ראש פון די חשמונאים. דאס הייסט, אז זייער עיקר נקודה איז געווען 'הוד בתפארתה', און דערפאר האבן זיי געקענט זיין די לוחמים קעגן 'קליפת יון' וועלכע איז 'הוד בקלקולה'.

## די חשמונאים קוקן בכלל נישט אויף 'טבע'

דער מהלך פון די חשמונאים איז געווען פונקט פארקערט פון די יוונים, זיי האבן בכלל נישט געקוקט אויף וואס די טבע איז מחייב, זיי קוקן בכלל נישט אויף קיין חיצוניות. ווייל מיטן כח פון 'הוד' - ווערט מען אינגאנצן בטל צום פנימיות - אז אלעס פירט דער אויבערשטער בלויז מיט זיין רצון. און מען זעט טאקע, אז די חשמונאים זענען געווען צוועלף מענטשן - די זון פון מתתיהו, מיט נאך א פּאָר מענטשן. און לעומת זה, האבן די יוונים געהאט מיליאנען סאלדאטן; ווי עס שטייט אין יוסיפון. און ווען מען זאגט: "רבים ביד מעטים", מיינט דאס נישט

טויזנט קעגן הונדערט, דאס מיינט מיליאנען קעגן געציילטע מענטשן. לכאורה איז שווער: אודאי איז געשען א געוואלדיגער נס אז מען האט געוואונען די מלחמה, אבער וויאזוי פאנגט מען אָן אזא מלחמה? וואס איז געווען דער פלאן דא? וואס זענען געווען די 'תכסיסי מלחמה'? וואס איז געווען דער מהלך וויאזוי א פאר מענטשן וועלן באזיגן מיליאנען מענטשן?".

## דאס ארויסגיין אין א מלחמה קעגן מיליאנען מענטשן שטימט נישט מיט 'חוקי הטבע'

**דער תירוץ איז:** די קשיא איז שווער בלויז פאר אזא איינעם וואס לעבט אין א חיצוניות'דיגע וועלט - וואס דארט דארפן זאכן שטימען מיט די 'חוקי הטבע', און אין טבע שטימט נישט, אז צוואנציג מענטשן האבן א מעגליכקייט צו באזיגן מיליאנען. אבער אין דער רגע וואס מען לייקנט אין 'חיצוניות', מען לייקנט אין 'טבע', נאר מען לעבט אינגאנצן אין 'פנימיות' - איז 'אויס קושיא'! ווייל אין פנימיות איז בכלל נישטא קיין טבע! אויב דער אויבערשטער וויל - איז מען מצליח אויף יעדן פאל!

## דאס אנצינדן די מנורה איז געקומען פון איגנארירן דעם חיצוניות

די זעלבע זאך איז געווען מיט די מנורה אין בית המקדש: זיי האבן געוואוסט אז עס נעמט אכט טעג ביז עס וועט אנקומען פרישע אויל, נו, וואס איז געווען זייער פלאן פון אנפאנג? פארוואס האבן זיי אנגעצינדן די מנורה דעם ערשטן טאג - וואוסנדיג אז זיי וועלן נישט קענען ממשיך זיין ווייטער? דער תירוץ איז: די קשיא איז נאר שווער פאר דער וועלכער לעבט אין א חיצוניות'דיגע וועלט, אבער די חשמונאים לייקענען אין חיצוניות! ביי זיי איז נישטא קיין טבע בכלל! זיי זענען קלאר אינעם "מי שאמר לשמן שידליק יאמר לחומץ וידלוק"! זיי לעבן אין אן אמת'ע וועלט וואו זאכן דארפן נישט שטימען מיט אונזער קאפ! דאס איז די נקודה פון די חשמונאים - וועלכע זענען לוחם קעגן די יוונים - וואס אלעס דארף ביי זיי שטימען. און דערפאר איז דער גאנצער חנוכה אן ענין פון 'אור' - פארקערט פון 'חושך זה יון', ווייל חנוכה ווערט נתגלה אז אפילו אויב איך זעה נישט מיט מיינע אויגן - גלייב איך דערין פונקט ווי איך זעה עס! און דורכדעם איז עס שוין מער נישט פארהוילן פון מיר, עס איז ליכטיג. און דערפאר איז דאס דייקא אן 'אור הגנוז' - ווייל דעמאלט ווערט נתגלה אלע זאכן וועלכע זענען באהאלטן פון די אויגן פונעם מענטש. און 'אור הגנוז' איז אויך מרמז אויפן 'קדושת התורה' און 'פנימיות התורה' - וואס די יוונים האבן געהאט געלייקענט דערין, וויבאלד מען זעט עס נישט מיט די אויגן, און יעצט איז עס נתגלה געווארן דורך די חשמונאים.

**ביי די תלמידי הבעל שם טוב האט מען אסאך גערעדט איבער די שיינקייט פון אידישקייט. אנדערש ווי דער 'דרך המוסר' וואס מען האט געפאדערט פונעם מענטש**

## די חשמונאים האבן געברענגט א כח צו מתקן זיין 'הוד הפגום'

די חשמונאים האבן אראפגעברענגט אויף דער וועלט א נייער יום טוב אינעם 'סדר הזמנים' - צו פאררעכטן דעם 'עולם ההוד' וועלכע איז געווען דאס מערסטע מקולקל. און דאס איז א געוואלדיגער 'תיקון' אין אלע עולמות העליונים - וואס איז נישט געווען פארראכטן ביז דעמאלט. און עד היום הזה נעמען מיר חיות פון דעם דאזיגן אור וואס זיי האבן דעמאלט אראפגעברענגט, און דאס גיבט אריין א כח אין יעדן איד זיך צו פירן מיט דער מדה פון 'הוד בתיקונה', אז אויך א גאנץ יאר זאל ער קענען אביסל שפירן אז עס איז דא א ליכטיגע וועלט - וועלכע איז פארשטעלט און באהאלטן אונטער די חיצוניות'דיגע וועלט, און ער זאל האבן כח זיך מבטל צו זיין און זיך מכניע זיין צו אט דעם אמת. און אפילו אויב ער וועט נישט קענען מיט דעם אליינס זיך מתגבר זיין אויף אלע שוועריקייטן - זאל כאטש **די פנימיות'דיגע וועלט ווערן אן עכטע מציאות אין זיין לעבן! זאל**

**כאטש די באהאלטענע וועלט ווערן א 'פאקט'!** זאל כאטש דער מענטש ארומגיין מיט א זיכערקייט און שטאלץ, אז עס איז פארהאן אן 'אמת' וועלכע מען זעט נישט מיט די אויגן! זאל ער כאטש האבן א שייכות צו א ליכטיגע וועלט! זאל ער כאטש וויסן ביי זיך - נישט באופן מלחמה - נאר אן עכטע הכרה פון אינעווייניג, אז די תורה איז ליכטיג, אז שבת און יום טוב איז ליכטיג, אז צדיקים זענען ליכטיג, און יעדער איינציגער איד איז ליכטיג.

## דער חסיד'ישער דרך - צו מאכן ליכטיג אידישקייט און אויטאמאטיש ווערט מען בטל דערצו

ביי די תלמידי הבעל שם טוב האט מען אסאך גערעדט איבער די שיינקייט פון אידישקייט. דאס הייסט, אנדערש ווי דער 'דרך המוסר' וואס מען האט געפאדערט פונעם מענטש זיך צו שלאגן מיטן יצר הרע - האט מען אויך ארומגערעדט אסאך איבער די גרויסקייט פון תורה און מצוות, איבער די ליכטיגקייט פון שבתים און ימים טובים, די גרויסקייט פון א איד, וכדומה. און דער פשט איז: **מען האט געארבעט אויף 'מדת הוד בתיקונה', אז מענטשן זאלן אנקומען צו עבודת ה' דורך דעם 'אמת' פון דער זאך! דורך זיך מכניע זיין צום 'פנימיות' פון דער וועלט! דורכדעם וואס מען פארשטייט די אמת'ע שיינקייט פון דער פנימיות'דיגער וועלט אָן זיך דארפן שלאגן מיט דער 'חיצוניות'! און דאס איז 'אורו של משיח' וועלכע שיינט אריין אין 'עקבתא דמשיחא',** אז א מענטש זאל קענען דינען דעם אויבערשטן מיט א געשמאק און מיט א תענוג! מען האט ממשיך געווען אזעלכע אורות, אז עס איז געווארן א געשמאק צו דינען דעם אויבערשטן. און דאס איז אויך די סיבה פארוואס **ביי חסידים האט מען אלעמאל געמאכט א גרויסן עסק פון שבתים און ימים טובים, ווייל דאס זענען די זמנים ווען עס שיינט גרויסע אורות,** און דער דרך החסידות איז דאך דאס געווען, אראפצוברענגען דעם 'אור' צום איד.

## חסיד'ישע ספרים ברענגען ביי אונז אריין דעם רבוש"ע פון א ליכטיגן ווינקל

דערפאר איז גאר א גרויסער ענין צו לערנען חסיד'ישע ספרים - יעדער איינער וואס ער לערנט, צי די 'קדושות לחנוכה' פון בארדיטשובער רב, צי דברי חיים, צי בני יששכר וכדומה - ווייל דאס איז ממש דער 'אור הגנוז' וועלכע איז מתקן 'מדת הוד'. ווייל די תלמידי בעל שם האבן אריינגעברענגט אין דער וועלט - אויך א גאנץ יאר - אן ענין פון 'אורות', צו דינען דעם אויבערשטן מיט א 'השגה' און מיט א ליכטיגקייט. אודאי, זיי אליינס האבן דאס משיג געווען אויף גאר א הויכן אופן - וואס מיר האבן נישט קיין שום השגה דערין, אבער למעשה האבן זיי אויך עפעס אריינגעלייגט אין זייערע הייליגע ספרים, און דורכן לערנען די ספרים - קענען מיר אויפוועקן ביי אונז די 'אורות' פון חנוכה, די 'אורות' פון 'אור הגנוז', די 'אורות' פון לעתיד - וואס דאס גיבט אונז כח צו זיין בטל צו דער אמת'דיגער און פנימיות'דיגער וועלט. און דורכדעם וועט אונז זיין אסאך לייכטער מיטצונעמען דעם כח פון חנוכה אויף א גאנץ יאר - כסדר צו דינען דעם אויבערשטן מיט 'מדת הוד'.

> **אין די ת"ק יארן איז דער בארדיטשובער רב געווען דער איינציגסטער וועלכער האט גערעדט גרויסע גילויים אויף חנוכה**

## חנוכה האט שייכות מיטן אור הבעש"ט און אורו של משיח

**אין אנדערע ווערטער:** עס זענען פארהאן דריי זאכן וועלכע האבן א שייכות: א) חנוכה. ב) אור הבעש"ט ותלמידיו. ג) אורו של משיח. דער קשר צווישן חנוכה מיטן אור הבעש"ט - האט מען יעצט מסביר געווען, אז פונקט ווי חנוכה איז מגלה 'אורות' - וואס דורכדעם ווערט דער מענטש צוגעבויגן דערצו און ער וויל עס נאכגיין

מצד זיין אייגענעם 'ביטול' - אזוי איז אויך דער אור הבעש"ט, וואס דער דרך איז געווען א דרך פון 'אור'. און אזוי אויך, דער קשר צווישן 'חנוכה' מיטן אורו של משיח - איז דאך באקאנט פון אלע ספרים, אז חנוכה ווערט נתגלה דער אור הגנוז פון לעתיד. און אויך שטייט אין מאור עינים: **"ערכתי נר למשיחי"** - דער 'נר חנוכה' איז א הכנה אויף משיח! ווייל ווען משיח וועט קומען און מען וועט שחט'ן דעם יצר הרע, וועט די גאנצע עבודה צוגיין מצד דעם אמת און די ליכטיגקייט פון דער זאך - אָן צו דארפן מעורר זיין די מדה פון 'נצחון'. און דאס איז אויך דער קשר צווישן אור הבעש"ט מיט אורו של משיח, וואס ביידע זענען דעם זעלבן סארט ענין, צו מגלה זיין דעם אור. און דער בעש"ט האט פשוט אנגעהויבן אנגרייטן די וועלט, צו געבן 'טועמיה' פון 'ימות המשיח'.

## היינט איז דא א געוואלדיגער ביקוש אויף פנימיות

היינט זעט מען בחוש, אז ווי נענטער עס ווערט צו 'ביאת המשיח' - אלץ שטארקער ווערן די צוויי זאכן: 'אור החנוכה' און די ליכטיגקייט פון די תלמידי בעש"ט. דער 'ביקוש הפנימיות' וואס הערשט אין די לעצטערע יארן צו פארשטיין דעם 'פנימיות' פון א יום טוב, איז מורא'דיג! עס איז היינט א מצב פון "את פניך ה' אבקש" - יעדער זוכט 'פנימיות', און קיינער באגענוגנט זיך נישט מיט בלויז 'פשטות'. דאס איז אלץ סימנים אויפן 'אורו של משיח' וועלכע שטייט שוין אונטערן טיר, און ווערט צוביסלעך נתגלה מער און מער.

## ווי נענטער צו משיח ווערט מער נתגלה 'אור החנוכה'

אזוי אויך מיטן **'אור החנוכה' זעט מען בחוש, אז ווי א דור שפעטער ווערט עס מער און מער נתגלה.** ווייל די ערשטע דורות פון תלמידי בעש"ט, רעדן נאכנישט אזעלכע גרויסע גילוים אויף יום טוב חנוכה. און ווי שפעטערדיגע צדיקים - אלץ מער זענען זיי מגלה געוואלדיגע גילוים און אורות אינעם חנוכה. אין די ת"ק יארן איז דער בארדיטשובער רב געווען דער איינציגסטער וועלכער האט גערעדט גרויסע גילויים אויף חנוכה, און אזוי אויך דער ספר 'מאיר עיני חכמים' - וואס איז מיוחד אויף חנוכה. ווידער אין די ת"ר יארן, איז שוין דא א 'בני יששכר' - וואס ער איז געווען פון די לעצטע תלמידי בעש"ט. שפעטער איז געווען דער הייליגער רוזינער - וואס פון אים איז דא מורא'דיגע גילויים אויף חנוכה. נאך שפעטער איז דא דער הייליגער 'דברי חיים' און 'תפארת שלמה' - וואס דארט טרעפט מען נאך גרעסערע גילוים אויף חנוכה, וואס זיי זענען געווען בערך הונדערט און פופציג יאר צוריק. אזוי **אויך זעט מען אין די לעצטערע יארן, אז עס איז נתגלה געווארן די גרויסקייט פון זאת חנוכה אויף גאר א שטארקן אופן. ווייל זאת חנוכה איז א טאג פון משיח!** עס איז א טאג וואס עס שיינט די גרעסטע 'אורות' פון חנוכה - וואס דאס איז נאכמער א הארה פון לעתיד לבא, און דעריבער, וואס נענטער עס ווערט צו די גאולה - ווערט מער נתגלה דער ענין פון דעם טאג.

**יעדעס מאל וואס עס גייט דורך נאך א חנוכה אויף דער וועלט - ווערט די חיצוניות פון דער וועלט נאך אביסל דורכגעבראכן און צעשמעטערט! עס ווערט נאך אביסל נתגלה דער פנימיות פון דער וועלט!**

## מיט יעדע חנוכה וואס גייט אריבער – ווערט דער 'הוד' מער מתוקן

**אין אנדערע ווערטער:** יעדעס מאל וואס עס גייט דורך נאך א חנוכה אויף דער וועלט - ווערט די חיצוניות פון דער וועלט נאך אביסל דורכגעבראכן און צעשמעטערט! עס ווערט נאך אביסל נתגלה דער פנימיות פון דער וועלט! דער פגם פון 'מדת ההוד' ווערט נאך אביסל וויניגער, און עס ווערט נאך אביסל מתוקן! עס ווערט אביסל מער נתגלה די פנימיות פון יעדע זאך! און דאס מיינט, אז די וועלט ווערט א טריט נענטער צום 'אורו של משיח'.

פרק ו'

# ימי חנוכה אלו להודות ולהלל: די עבודה פון 'הלל' – ארויסזאגן דעם ביטול צום אמת

עס שטייט פון אר"י הק', און עס ווערט ברייטער ארומגערעדט אין אלע חסיד'ישע ספרים, אז דער 'תיקון המדה' פון יעדן יום טוב געשעט, דורכן מקיים זיין די 'מצוות היום'. די 'מצוות היום' פון יום טוב חנוכה באשטייט פון צוויי זאכן: **א)** הלל. **ב)** הדלקת הנרות.

## הדלקת הנרות איז אויך א חלק פונעם הלל

חז"ל זאגן: **"קבעום יום טוב בהלל והודאה"** - דער יום טוב באשטייט פון דאנקען און לויבן. דאס ווייזט, אז אויך די מצוה פון 'הדלקת הנרות' איז פארן צוועק פון 'הודאה' - ארויסצוברענגען דערמיט א דאנק אויף די נסים. און אזוי זאגט מען טאקע נאכן צינדן: **"הנרות הללו אנו מדליקין על הניסים ועל הנפלאות וכו' כדי להודות ולהלל לשמך הגדול"**. און אזוי זעט מען אויך אין רמב"ם, אז ער האט אוועקגעשטעלט 'הלכות הלל' ביי 'הלכות חנוכה', און נישט ביי די אנדערע מועדים.

## דער עיקר מצות היום איז דער הלל

עס שטייט אין קדושת לוי, אז פונקט ווי יעדע יום טוב האט א ספעציעלע מצוה, וואס דורכן מקיים זיין די דאזיגע מצוה - ברענגט מען אראפ דעם 'אור' פונעם יום טוב. און ווי מער 'מח' און 'הארץ', 'חומרות' און 'הידורים' - מען לייגט אריין אין דער מצוה - אלץ מער 'אור' באקומט מען. **זאגט דער קדושת לוי: די 'מצוה המיוחדת' פון חנוכה, איז 'הלל והודאה'! און ווי מער הארץ, שמחה און הכנעה מען לייגט אריין אינעם 'הלל' אלץ מער 'אורות' איז מען ממשיך צו זיך.**

זאגט דער קדושת לוי: די 'מצוה המיוחדת' פון חנוכה, איז 'הלל והודאה'! און ווי מער הארץ, שמחה און הכנעה מען לייגט אריין אינעם 'הלל' אלץ מער 'אורות' איז מען ממשיך צו זיך.

**שטעלט זיך א שאלה:** יעדן יום טוב איז דאך דא א 'חיוב הלל', און נישט בלויז חנוכה, נו, פארוואס איז 'הלל' די 'מצוה המיוחדת' פון חנוכה? נאך די אלע הקדמות פון פריער - ווערט מען פארשטיין זייער פשוט.

## מיטן דאנקען איז ער מודה צום אמת – דארט וואו עס טוט זיך אפ א גרויסע הכחשה

עס שטייט פון גרויסן מגיד פון מעזריטש: 'הודאה' איז א לשון פון 'מודה על האמת'. דאס הייסט, דער וועלכער דאנקט נישט - לייקנט אינעם אמת, און דער וועלכער דאנקט יא - איז 'מודה' אינעם אמת. און 'הודאה' איז נאר שייך,

דארט וואו עס איז דא א 'הכחשה' - איינער וועלכער לייקנט דערין. דער פשט איז אזוי: דער טרוקענער מציאות פון וועלט שרייט אויס 'טבע'! למשל, טאמער איינער איז נישט געזונט, זאגט די וועלט: "ווערסטו נעמען מעדעצין - ווערסטו ווערן געזונט, ווערסטו נישט נעמען - ווערסטו נישט ווערן געזונט!". דאס הייסט, די וועלט לייקנט אז א 'ברכת רפאנו' מאכט עפעס אויס פאר דער רפואה פון דעם מענטש. און אויב אזוי, ווען דער מענטש וועט געזונט ווערן - וועט ער דארפן זאגן יישר כח פארן דאקטער וועלכער האט אים געגעבן דעם ריכטיגן מעדעצין. קומט א מענטש און זאגט: "איך דאנק דעם אויבערשטן וועלכער האט מיר אויסגעהיילט! די גאנצע קרעדיט איז נאר פארן אויבערשטן!". דאס הייסט, ער לייקנט אין דער טרוקענער פאקט וואס די וועלט פארקויפט! ער איז 'מודה' אויפן אמת - אין א פלאץ וואו עס טוט זיך אפ א ריזיגע 'הכחשה'! אזוי אויך לגבי פרנסה, די וועלט שרייט: "דער וואס טוט 'השתדלות' - מאכט געלט, און דער וואס טוט נישט השתדלות - מאכט נישט קיין געלט! א 'ברכת ברך עלינו' איז נישט מעלה ומוריד!". קומט א מענטש און שטעלט זיך אוועק דאנקען דעם אויבערשטן אויף אלץ וואס ער פארמאגט. דאס הייסט, ער איז 'מודה' אינעם 'אמת' און לייקנט אינעם 'שקר'!

## הלל שרייט: עס איז גארנישט פארהאן אויסער דער אויבערשטער!

גאנץ הלל באשטייט פון 'הודאה על האמת': **"ממזרח שמש עד מבואו מהולל שם ה'"** - ניין! עס איז נישטא קיין טבע! די זון שיינט נישט אליינס אויף! דער אויבערשטער מאכט עס שיינען! **"ההופכי הצור אגם מים חלמיש למעינו מים"** - עס איז נישטא קיין 'שטיין' און עס איז נישטא קיין 'וואסער'! עס איז גארנישט דא קיין אנדערע מציאות אויסער דעם אויבערשטן! **"ואלקינו בשמים כל אשר חפץ עשה"** - נישט וואס מען זעט איז דער פאקט - נאר מען זעט פאר די אויגן ליגנט! דער אמת איז, אז דער אויבערשטער טוט און מאכט וואס ער וויל א גאנצן צייט! **"עיניים להם ולא יראו"** - די וועלכע שרייען אויס 'הכחשה', האבן געמאכט פון דער מענטשהייט א גאנצער געטשקע פון 'כוחי ועוצם ידי', אבער איך בין 'מודה על האמת' עס דאס איז שטותים! דער מענטש איז גארנישט! ער קען גארנישט און האט גארנישט! אין איין רגע קען ער ווערן א 'דומם'! נאר וואס דער אויבערשטער וויל - דאס געשעט בפועל! דערפאר זאגט מען: **"ישראל בטח בה' עזרם ומגנם הוא"** - האב בטחון אויפן אויבערשטן! און אויב איז יא דא עפעס וואס דער מענטש קען טון צו טוישן עפעס - איז דאס נאר דורך 'תפלה' צום אויבערשטן, און דערפאר זאגט ער: **"אהבתי כי ישמע ה' את קולי תחנוני"**. און דא נעמט ער זיך דאנקען: **"מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי"** - ער דאנקט דעם אויבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט אים, וואס אונטער דעם ליגט א געוואלדיגע 'הכרה' וואס ער איז 'מודה' אז ער קען נישט אליינס! ער איז 'מודה' אז ער איז אנגעוויזן אויף די חסדים פונעם רבונו של עולם יעדע רגע! און דאס איז א געוואלדיגע 'הכנעה' וואס דער מענטש איז מכיר זיין נישטיגקייט, און דעמאלט איז דער 'הוד כתיקונה'. ווייל כאטש א מענטש דארף דאס טראכטן און גלייבן א גאנצן טאג, אבער 'הלל' איז א 'מצוה מעשית', וואס דעמאלט שטעלט מען זיך אוועק און מען זאגט עס ארויס הויך אויפן קול. און **'הלל' איז אויך פון לשון 'הוללות' 'אפלאכן'. ווייל ביי הלל לאכט מען אפ פון די גאנצע פאלשע וועלט! ווייל בשעת ווען ער דאנקט דעם אויבערשטן מאכט ער חוזק פון דער נארישער וועלט וועלכער פארלאזט זיך אויפן 'כחי ועוצם ידי'** - אין דער צייט וואס אין איין רגע קען ער פארלירן אלע זיינע חושים, דאס איז דאך דער גרעסטער געלעכטער וואס איז נאר פארהאן!

**הלל' איז אויך פון לשון 'הוללות' 'אפלאכן'. ווייל ביי הלל לאכט מען אפ פון די גאנצע פאלשע וועלט! ווייל בשעת ווען ער דאנקט דעם אויבערשטן מאכט ער חוזק פון דער נארישער וועלט וועלכער פארלאזט זיך אויפן 'כחי ועוצם ידי'**

## בלויז חנוכה קען מען אנקומען צום שלימות פון 'הודאה' בלב שלם

כאטש וואס יעדן יום טוב זאגט מען הלל - איז אבער דער שורש פון הלל דוקא אין חנוכה. ווייל א גאנץ יאר איז זייער שווער צו זאגן הלל מיט די ריכטיגע הכרה אין די ווערטער, ווייל דער 'פגם ההוד' לאזט נישט דעם מענטש מסכים זיין הונדערט פראצענט מיט די ווערטער וואס ער זאגט יעצט; ווי מען זעט אין די פסוקים פון הלל גופא: **"פתחו לי שערי צדק אבא בם אודה י-ה"** - בלויז אין בית המקדש וועט מען קענען דאנקען דעם אויבערשטן מיט אן עכטע און שלימות'דיגע הודאה, ווייל ווילאנג מיר זענען נאך אין גלות - איז נאך דער 'הוד' נפגם, און מיר קענען נישט אנקומען צום ריכטיגן 'ביטול' וועלכע פארלאנגט זיך פונעם נפש האדם - כדי צו מסכים זיין הונדערט פראצענט מיט יעדעס ווארט פון הלל. אבער וויבאלד חנוכה הערשט א 'תיקון ההוד' - קען מען זאגן די 'הודאה' מיט א טיפערן ביטול! דער הלל פון חנוכה איז אן אנדערער הלל! דער הלל פון חנוכה איז נאכמער ווי דער הלל פון פסח! פארקערט, אלע ימים טובים זענען מקבל דעם 'אור ההלל' פון חנוכה!

## אויב איז זיין חנוכה הלל פונקט ווי א ר"ח הלל – איז ער נישט מיין רבי

אין ספר 'נהרי אש' (ברשימות התלמידים) ברענגט ער א פחד פון א מעשה. הרה"ק רבי שמעון'לע זעליכאווער הי"ד, איז געגאנגען זוכן א רבי'ן, און ער האט שוין געהאט געטראפן איינעם וואס ער האט געהאלטן פאר דעם ריכטיגן מענטש צו 'מקבל מרות' און זיך מכניע זיין אונטער אים. אבער איידער ער האט אויסגעפירט אויף למעשה אין צו נעמען פאר א רבי'ן - איז אים אויסגעקומען צו זיין ביי אים חנוכה, און ער האט געזען אז דער 'הלל' פון חנוכה איז ביי אים געווען אויף דער זעלבער דרגא ווי דער 'הלל' פון ראש חודש. האט רבי שמעון'לע אים אפגעלאזט און אוועקגעגאנגען פון דארט. זעט מען ווי ווייט יסודות'דיג דער ענין פון 'הלל' אין חנוכה איז.

## דער הלל פון א חנוכה דארף צוגיין מיט אזא מצב ווי דער מגילה פורים

די גמרא זאגט אין מסכת מגילה: **"קרייתה זו הילולא"** - פורים זאגט מען נישט קיין 'הלל', ווייל דאס ליינען די מגילה איז אנשטאט 'הלל'. קומט אויס: אז דער 'הלל' פון חנוכה איז פונקט ווי די מגילה ליינען פון פורים! נו אויב אזוי קומט אויס פשוט, אז **דער מצב ארום דעם הלל פון חנוכה דארף זיין גארנישט ווייניגער ווי דער מצב ארום די מגילה ליינען פון פורים.**

**דער מצב ארום דעם הלל פון חנוכה דארף זיין גארנישט ווייניגער ווי דער מצב ארום די מגילה ליינען פון פורים.**

## די לעכט צינדן ווייזט אז מען גלייבט אין 'נס' – היפוך טבע

די מצוה פון 'הדלקת המנורה' איז אויך אן ענין פון 'תיקון ההוד'. ווייל מיר צינדן דאך אָן די לעכט, כדי צו ווייזן דעם גרויסן נס וואס דער אויבערשטער האט געטון, אז די מנורה האט געברענט אכט טעג. און דער עצם מציאות פון א 'נס' איז מכחיש די גאנצע 'טבע'! אין אנדערע ווערטער: א 'נס' איז מגלה, אז די וועלט האט א 'פנימיות', און דער גאנצער 'חיצוניות' איז בלויז אן 'אחיזת עינים'. און מיט דעם וואס מען טוט 'בפועל' א זכר אויף די נסים - רופט מען אויס א 'הודאה על האמת' און א 'הכחשה על השקר'! מען רופט אויס, אז א לעכט ברענט נישט ווייל אזוי איז זיין נאטור, נאר ער ברענט ווייל אזוי וויל דער אויבערשטער! און כאטש עס זעט אויס, אז דאס טון און מאכן - ברענגט די 'תוצאות' - איז דאס בלויז אן 'אחיזת עינים'! די תוצאות קומען בלויז פון רצון ה' - וואס דער אויבערשטער וויל אז אזוי זאל זיין! נישט מער און נישט ווייניגער.

## די מצוות היום קומען פון הוד און ברענגען הוד

**קומט אויס:** די צוויי מצוות פון 'הלל והודאה' און 'הדלקת הנרות' האבן צוויי קשרים צו 'מדת הוד', איינס, אז דאס איז א 'תוצאה' פון 'הוד', אז בלויז ווייל חנוכה הערשט א 'תיקון הוד' - דערפאר קען מען דאס טון אויפן ריכטיגן אופן. צווייטנס, דאס גופא וואס מען זאגט 'הלל' איז שוין 'תיקון ההוד'! ווייל דער מענטש שרייט דעמאלט אויס בקול רם, אז דער גאנצער 'חיצוניות' איז א גרויסער שקר, און די וועלט האט א 'פנימיות'! ביים הלל פארציילט ער דעם אמת פון דער וועלט! און דאס זעלביגע טוט ער בפועל מיט דער 'מצוה מעשית' פון הדלקת הנרות, וועלכע טוט בפועל דעם 'תיקון ההוד'! און דאס גופא ברענגט אראפ די אורות פון 'תיקון הוד', אז מיר זאלן האבן דעם ריכטיגן דעת זיך צו רעכענען בלויז מיט 'פנימיות' און דינען דעם אויבערשטן מיט דעם אמת פון יעדע זאך.

## מען דארף לעבן א גאנצן חנוכה מיט דער ביטול צום אמת – נישט בלויז בשעת הלל און הדלקת הנרות

ביי יעדע יום טוב, איז פאראן די 'מצוה מעשית' פונעם יום טוב - וואס דאס ברענגט אראפ דעם 'אור' פונעם יום טוב. און דערנאך איז פאראן אן עבודה א גאנץ יום טוב, צו לעבן ווי מער מיט דעם אור! ווייל אויב איז למשל 'המלכת השי"ת' די נשמה פון ראש השנה - איז דאך דאס נוגע גאנץ ראש השנה, און נישט בלויז ביי 'תקיעת שופר'! ווילאנג עס איז ראש השנה, דארף מען לעבן מיט דער 'נקודה הפנימית' פון ראש השנה! די זעלבע זאך איז מיט חנוכה - וואס די 'נקודה הפנימית' פונעם יום טוב איז 'תיקון מדת ההוד' - דארף מען לעבן דערמיט א גאנץ יום טוב, און נישט בלויז ביי הלל און ביים צינדן חנוכה לעכט. א איד דארף זיך ארומדרייען גאנץ חנוכה מיט א הארץ פון חנוכה! א הארץ וועלכע איז איינגעבויגן און איז בטל ומבוטל צום אמת'ן אור הבריאה! א הארץ וועלכע לאכט אפ פון 'טבע' און 'כחי ועוצם ידי'! אפילו דעם לעצטן טאג חנוכה - וואס מען וועט שוין נישט צינדן נאך א לעכטל - דארף מען נאכאלץ אנהאלטן און קאכן אינעם 'אור החנוכה', ווייל עס איז נאכאלץ חנוכה! און ווי מער מען לעבט מיט דער הרגשה - אלץ מער אנטוויקלט מען דעם 'תיקון ההוד', און אלץ מער בלייבט מען דערמיט אויף א גאנץ יאר.

**א איד דארף זיך ארומדרייען גאנץ חנוכה מיט א הארץ פון חנוכה! א הארץ וועלכע איז איינגעבויגן און איז בטל ומבוטל צום אמת'ן אור הבריאה! א הארץ וועלכע לאכט אפ פון 'טבע' און 'כחי ועוצם ידי'!**

## די יוונים קומען אָן אויף אינמיטן יאר

עס מאכט זיך אינמיטן יאר - ביי יעדן איינעם אין זיין פריוואטן לעבן - וואס עס קומט אים אונטער געוויסע נסיונות פון 'חיצוניות'. דער ריכטיגער אפטייטש אויף דעם איז: די 'יוונים' האלטן יעצט מלחמה מיט אים! זיי ווילן אים ארייינשלעפן אין 'חכמת יון'! זיי ווילן אים ארייינשלעפן צו קוקן אויף דער 'חיצוניות' וואס מען זעט מיט די אויגן!

## מען דארף אלעמאל זיין גרייט צו זיין א 'חשמונאי'

און דעמאלט ווערט דער איד וועלכער שלאגט זיך מיטן חיצוניות - א 'חשמונאי'! ער שטעלט זיך אוועק קעגן דעם חיצוניות פון דער וועלט, און ער לייקנט דערין! ער לייקנט אין טבע, און גלייבט נאר אין פנימיות! ער איז בטל בלויז צום 'אמת'! און אין יענע מינוטן ווען דער חסיד'ישער אינגערמאן שטארקט זיך, ער ווערט נישט נתפעל פון קיין שום 'מצב חיצוני', נאר ער איז זיך מחזק מיטן אמת - ווערט דעמאלט א פריוואטער יום טוב חנוכה! דעמאלט איז ער מתקן 'עולם ההוד'! און דעמאלט קומען אראפ צו אים - אינמיטן יאר - די גרויסע אורות פון חנוכה.

פרק ז׳

# שלח אורך ואמתך: די עבודה פון הדלקת נר חנוכה

## רגל מן השוק – דעמאלט איז ממש אן ׳אור הרגל׳

עס שטייט אין אר״י הק׳: כאטש וואס א גאנץ חנוכה שיינט א געוואלדיגן ׳אור׳ - איז עס אבער ׳אינו דומה׳ צום אור וואס שיינט ביי די האלבע שעה פון די חנוכה לעכט! ווייל דעמאלט שיינט ממש אן אור פון ׳יום טוב׳; ווי דער אריה״ק איז מגלה אויף דעם לשון הגמרא: ״עד שתכלה רגל מן השוק״ - אז אין דער האלבע שעה איז א בחינה פון א ׳רגל׳ פון די ׳שלש רגלים׳, וואס דאס איז גאר א הויכער אור! א יום טוב׳דיגער אור! וועלכע שיינט גאר שטארק. דערפאר איז טאקע איינגעפירט ביי חסיד׳ישע אידן צו גיין אין מקוה פאר לעכט צינדן - וואס חוץ פון דעם פשוט׳ן ענין פון ׳טהרה׳, זיך צו ריייניגן בעפאר מען גייט צו צום גרויסן מצוה פון הדלקת הנרות - איז עס אויך צוליב דעם, וואס די מקוה איז ווי דער מקוה פון ׳ערב יום טוב׳, וואס מען איז מקדש ומטהר איידער דער אור פונעם יום טוב קומט אראפ.

## די שינויים פון ׳אור החנוכה׳ וואס מען געפונט נישט ביי קיין אנדערן שבת ויו״ט

אויך שטייט פון אר״י הק׳, און אלע חסיד׳ישע ספרים ברענגען דאס אראפ, אז חנוכה ביי לעכט צינדן איז פאראן צוויי גאר גרויסע חידושים - אנדערש ווי געווענליך: ערשטנס, אז ווי נאר מען צינדט אָן די לעכט - שיינט באלד דער אור פון דריי ׳יחודים׳ - וואס עס שיינט קיינמאל נישט אין וואכנטעג, נאר בלויז אין שבתים און ימים טובים. און אפילו ביי אנדערע ימים טובים דויערט אבער צייט ביז עס קען שיינען אזא גרויסער אור. צווייטנס, דער אור פון די דריי ׳יחודים׳, שיינט ביז דא אונטן אין די ׳עולמות התחתונים׳ - וואס ביי אנדערע ימים טובים שיינט דער ׳יחוד׳ נאר אויבן אין די ׳עולמות העליונים׳.

## די דריי ׳יחודים׳ – די גרעסטע מאס התקרבות צם אויבערשטן

**אין א פשוט׳ע שפראך:** א ׳יחוד׳ איז פשט, אז עס ווערט א געוואלדיגע ׳התקרבות׳ צווישן אידישע קינדער און דער רבונו של עולם. און עס איז פאראן פארשידענע דרגות פון ׳יחודים׳, וועלכע זענען שטאפלען אין ׳התקרבות׳ צום אויבערשטן - געוואנדן אינעם גרויסקייט פונעם זמן. אבער די דריי ׳יחודים׳, איז די העכסטע דרגה פון התקרבות. וואס געווענליך איז מען נאר זוכה צו דעם שבת און ימים טוב, און אויך דעמאלט קומט דאס ערשט נאך א לענגערע עבודה פון ׳תפילות׳ און ׳קיום מצוות היום׳ - וואס מען ווערט צוביסלעך נתקרב צום אויבערשטן. אבער יום טוב חנוכה האט א ספעציעלן חביבות, אז ׳תיכף׳ אנפאנג נאכט, מען גיבט א טאנץ ארויס פון דער גאנצער וואכנדיגער מציאות, און באלד איז מען זוכה צום גרעסטן דרגא פון התקרבות.

## מיר ווערן נישט דערהויבן – דער אור קומט אראפ צו אונז אינדערהיים

אבער **דער עיקר חידוש פון חנוכה איז, אז אט דער גאנצער התקרבות אויף די גרעסטע מדרגה קומט אראפ צו אונז! נישט ווי שבת און יום טוב וואס מיר ווערן נתעלה צו די 'עולמות העליונים' און דארטן למעלה ווערן מיר נתקרב צום אויבערשטן, נאר אלעס ווערט נתגלה דא אונטן דארט וואו מיר זענען יעצט! מען דארף נישט ארויפגיין 'למעלה' העכער פון אונזער געווענליכער מדרגה!** און דאס איז טאקע דער גרויסער 'גילוי האורות' פון חנוכה - מער פון א גאנץ יאר, אז עס ווערט נתגלה, אז דער גרעסטער 'קרבת השם' איז דא אונטן אין אונזער נידריגע מדרגה וואו מען געפונט זיך! און **אט דער גילוי איז א גילוי פון 'ימות המשיח'**, דאס איז דער 'אור הגנוז' וואס איז באהאלטן א גאנץ יאר, אבער יעצט חנוכה שיינט ער און איז מגלה: אז ווי נידריג א איד געפונט זיך - איז ער נאכאלץ 'קרוב מכל קרוב' צום אויבערשטן.

**"איינער דא ווייסט אפשר וועלכע ברכה דארף מען מאכן בשעת ווען מען גייט ארויס פון גן עדן?".**

## ער האט געשפירט ווי עס איז געווען א גן עדן

די חנוכה לעכט ביי רבי יאנקעלע פון פשעווארסק זכרונו לברכה איז געווען גאר ספעציעל, ער פלעגט זינגען דעם 'תמניא אפי' מיט גאר א ווארעמער ניגון, א שינאווא ניגון, און עס פלעגט זיין א שטארקע התעוררות דערביי. דערנאך פלעגט ער מאכן א לחיים און ער פלעגט טיילן חנוכה געלט, מען האט זיך דארט גאר שטארק געשטופט צו כאפן חנוכה געלט. האט א איד דערציילט, ער איז געווען דארט דערביי. איינמאל נאך וואס רבי יאנקעלע האט זיך אויפגעשטעלט פון די חנוכה לעכט, האט ער זיך אנגערופן: "איינער דא ווייסט אפשר וועלכע ברכה דארף מען מאכן בשעת ווען מען גייט ארויס פון גן עדן?". דאס הייסט, די האלבע שעה וואס ער איז געזעסן ביי די חנוכה לעכט, איז געווען ביי אים א טעם פון גן עדן, ממילא האט ער געוואלט מאכן א נאך-ברכה אויף דעם תענוג גן עדן וואס ער האט דא געהאט. דאס איז א השגה פון צדיקים.

## די האלבע שעה ביי די לעכט שעפט מען זיך אָן מיט די העכסטע אורות

**על כל פנים:** די האלבע שעה וואס מען צינדט די חנוכה לעכט און זיצט דערביי - איז דער שפיץ פון חנוכה. מען זיצט דעמאלט אין די העכסטע אורות און די העכסטע תענוגים רוחניים! עס שיינט דער 'אור הגנוז' מיט א געוואלדיגן תוקף, מען זיצט ממש אין גן עדן! און דעמאלט איז די צייט וואס מען איז קונה די נקודה און אור פונעם יום טוב.

## מיטן צינדן חנוכה לעכט רופט ער אויס אז די 'טבע' איז בלויז א דמיון – 'תיקון ההוד'

מען האט שוין פריער גערעדט, אז דער 'עצם קיום המצוה' פון 'הדלקת הנרות', איז דער גרעסטער 'תיקון ההוד'. ווייל **מיט דעם וואס א איד שטעלט זיך אוועק און צינדט אָן א מנורה אלס זכר צו די 'נסים' וואס איז דעמאלט געווען ברענגט ער ארויס א געוואלדיגער 'ביטול' צום 'אמת' און 'פנימיות'. ווייל דער גאנצער מושג פון 'נס' שרייט אויס: עס איז נישטא קיין 'טבע'!** די גאנצע טבע איז א 'דמיון' און א 'שקר'! און דערפאר, דאס וואס א איד טוט א פעולה 'לזכר הנס' - איז די גרעסטע הכנעה צום אמת און צום פנימיות פון דער בריאה! און פארקערט, עס איז די גרעסטע 'הכחשה' און צחוק פון דער 'חיצוניות' פון וועלט - וועלכע פארקויפט בלויז 'טבע'.

## זיך איינבייגן צו דער מנורה – א הכנעה צום אמת

מען זעט אן אינטערסאנטע זאך, אז אסאך אידן ווען מען צינדט חנוכה ליכט, בייגן זיי זיך אראפ דעם גאנצן גוף צו דער מנורה - וועלכע

איז נידריגער פון עשרה טפחים. כאטש וואס מען וואלט געקענט נעמען א לאנגן שמש אז מען זאל זיך נישט דארפן איינבייגן, וויל מען אבער דייקא ארויסווייזן דא דעם ענין פון 'כריעה' - א בחינה ווי מען בוקט זיך ביי 'מודים'. ווייל די גאנצע פעולה פון אנצינדן די מנורה - איז א שטיק 'הכנעה' צום אמת'ן מציאות וועלכע איז באהאלטן אין דער וועלט. און ווען א מענטש דרייט זיך ארום מיט א גראדן רוקן - זעט ער נישט דעם אמת! דעמאלט זעט ער בלויז 'טבע', 'כחי ועוצם ידי', און אלע אנדערע 'דמיונות' און 'שקרים' פונעם 'עולם החיצוני'. אבער יעצט ביי די חנוכה לעכט גיבט מען זיך א בייג איין מיט 'הכנעה', און מען הייבט אָן צו דערהערן אז עס איז פארהאן אן אמת אויף דער וועלט! מיט דעם בייג צו דער מנורה - לאזט ער אפ זיין גאנצע אחיזה וואס ער האט געהאט אינעם 'עולם החיצוני', כאילו ער האט עפעס אן אייגענעם כח, און ער איז 'מודה' אז ער קען זיך נישט אליינס מסדר זיין, נאר ער מוז צוקומען צו חסדי ה' יעדע רגע.

**ווען מען צינדט חנוכה ליכט, בייגן זיי זיך אראפ דעם גאנצן גוף צו דער מנורה אנצינדן די מנורה - איז א שטיק 'הכנעה' צום אמת'ן מציאות**

## ביי חסידים צינדט מען אינעווייניג – מען מאכט ליכטיג דעם 'פנימיות'

מעיקר הדין דארף מען צינדן די מנורה 'בחוץ' אינעם 'רשות הרבים'. אבער ביי חסידים איז דער מנהג צו צינדן אינעווייניג אינדערהיים. דער ענין איז: עס איז פארהאן צוויי אופנים וויאזוי מען קומט צו צום 'תיקון ההוד' - זיך מכניע זיין צום 'פנימיות', איין מהלך איז: אוועקמאכן דעם חיצוניות! אפלאכן און חוזק מאכן פונעם דמיון! אויפווייזן ווי פאלש און נאריש דער 'עולם החיצוני' איז! און דאס איז דער מהלך פון בית שמאי וועלכע זאגן 'פוחת והולך', דאס הייסט, פארקלענערן דעם 'חיצוניות'. און דאס איז דער ענין פון צינדן דוקא 'בחוץ'. אבער ביי חסידים איז מען געגאנגען מיט אן אנדערן מהלך - צו ממשיך זיין אור צום 'פנימיות' און אים באלייכטן. און דאס איז דער ענין ביי חסידים צו צינדן דוקא 'אינווייניג', כדי צו באלייכטן דעם 'פנימיות', וואס דאס איז שיטת בית הלל וועלכע זאגן 'מוסיף והולך', דאס הייסט, פארגרעסערן דעם 'פנימיות'. דער מהלך דערין איז: מען הייבט ארויס ווי אמת'דיג דער פנימיות איז! ווי ריכטיג די אמונה איז! ווי זיס און ליכטיג די תורה איז! אז דורכדעם וואס דער 'פנימיות' ווערט באלאכטן און באשיינט - צופאלט דער גאנצער 'חיצוניות'! עס ווערט אזוי קלאר ביים מענטש, אז דער חיצוניות איז א שטיק פאלשקייט.

## די עבודה פון זיצן ביי די לעכט איז אן עבודה פון מחשבה

די מצוה פון 'הדלקת הנרות' איז אנדערש ווי אנדערע מצוות מעשיות, וואס איינמאל מען האט מקיים געווען דעם 'פעולת המצוה' - האט זיך די עבודה פון דער מצוה געענדיגט. לדוגמא: דהיינו נאכן עסן מצה - איז נישטא קיין ענין וואס מען טוט ווייטער מיט דער מצה. מען האט יוצא געווען 'מצות מצה' און פארטיג. אבער די מצוה פון נרות חנוכה איז אנדערש, אז נאכן מקיים זיין דעם 'פעולת המצוה', איז מען ממשיך ווייטער די עבודה פון דער מצוה פאר נאך א האלבע שעה! עס איז פארהאן דא א ספעציעלע עבודה פון זיצן און קוקן אויף די לעכט! וועלכער איז אנדערש ווי אלע אנדערע 'מצות מעשיות', וואס מען טוט א פעולה, מען 'קייעט' די מצה, מען 'בלאזט' שופר, מען 'שאקלט' לולב. ווייל דער ענין פון 'קוקן' איז נישט קיין טעכנישע 'פעולה', אבער דער כח דערפון איז גאר שטארק און איז עושה רושם אויפן גאנצן מענטש. וויבאלד ווען מען קוקט אויף א זאך, ווערט מען מקושר מיט דעם זאך מיט א טיפע התקשרות, אזוי אז דער גאנצער מענטש מענטש ווערט מקושר, ער ווערט נתאחד, מיט די קדושה נוראה פון די נירות חנוכה, די אור הגנוז. דורך דאס קוקן אויף די ליכט און דאס מאכט א געוואלדיגע רושם אויפן גאנצן מענטש.

## מען נעמט אריין די שטראלן פונעם אור הגנוז

**דער ענין איז:** פונקט ווי 'בגשמיות' געבן די לעכט ארויס שטראלן וועלכע שיינען ארויס און מאכן ליכטיג דעם גאנצן ארום, אזוי אויך 'ברוחניות', געבן די לעכט ארויס רוחניות'דיגע שטראלן פונעם 'אור הגנוז', וועלכע מאכן פשוט ליכטיג די אידישע נשמה! עס באלייכט דעם גאנצן איד! דערפאר זיצט מען און מען קוקט אויף די לעכט, און דורכדעם נעמט מען אריין אין זיך די קדושה וואס די לעכט געבן ארויס פון זיך!

## דער גאנצער מושג 'פייער' איז א כח וואס איז גנוז אין דער פנימיות הבריאה

ווען מען זיצט ביי די לעכט, איז א צייט אריינצוגיין אינעם 'חלק המחשבה' - צו טראכטן פשוט'ע מחשבות - וואס די לעכט זענען מעורר ביי אונז. דעמאלט איז א צייט אריינצוגיין אין דער אמת'ער וועלט! אין דער פנימיות'דיגער וועלט! וואס דאס איז בעצם דער גאנצער מציאות פון 'פייער' - וואס מען זעט דאס נישט סתם אזוי אין דער בריאה, נאר דאס איז א כח וועלכע ליגט 'באהאלטן' אינעווייניג אין דער בריאה. דאס גיבט אונז א כח צו פארשטיין, אז עס איז פארהאן אן 'אור הגנוז' - א באהאלטענע ליכטיגקייט, אן אור ה', וואס דאס איז דער 'אמת' פון דער גאנצער וועלט, און אויסער דעם איז גארנישט פארהאן. און אזוי טראכט מען אריין נאך און נאך, אלעס געבויעט אויף דעם סארט מהלך המחשבה. און עס מוז נישט זיין קיין טיפע מחשבות מיט ברייטע הסברים אינעם ענין, פארקערט, דער פשטות'דיגער מחשבה דערין - איז אסאך בעסער. נאר דער עיקר איז, צו טראכטן דערפון נאכאמאל און נאכאמאל, ביז עס וועט זיך אריינזעצן אין הארץ אריין, וואס דעמאלט ווערט דאס אן אמת'דיגער קנין! און אויב האט מען עס אין הארץ באמת - וועט מען שוין א גאנץ יאר נישט נתפעל ווערן פון קיין 'חיצוניות'.

**דער ענין ביי חסידים צו צינדן דוקא 'אינווייניג', כדי צו באלייכטן דעם 'פנימיות'**

## זינגען זמירות – נאך א וועג וויאזוי ארויסצוגעבן די 'הודאה' – תיקון ההוד

מען פירט זיך, אז אין דער האלבער שעה וואס מען זיצט ביי די לעכט - זינגט מען מזמורים און פיוטים. וויבאלד דעמאלט שיינט דער עיקר 'אור החנוכה', וואס איז דער 'תיקון ההוד' - וואס צוליב דעם האבן טאקע חז"ל קובע געווען דעם גאנצן יום טוב אויף 'הלל והודאה', דעריבער איז טאקע יעצט בשעת עס שיינט דער עיקר אור פונעם יום טוב - דער פאסיגער זמן עוסק צו זיין בהלל והודאה, צו זינגען 'זמירות' און פיוטים, שירות ותשבחות פארן אויבערשטן.

## מען ברענגט ארויס דעם אמת וועלכע ליגט באהאלטן אין די פיר גלות'ן

נאכמער: דורכדעם וואס מען זינגט שירות ותשבחות, און מען לויבט דעם רבונו של עולם - דורך דעם אליינס ווערט א 'תיקון ההוד', וויבאלד אין די אלע זמירות, ברענגט מען ארויס דעם אמת פון דער בריאה. דער פיוט **'מעוז צור'** ברענגט ארויס, אז כאטש עס איז פארהאן אזא מושג ווי פיר גלות'ן 'גלות מדי', 'גלות פרס', 'גלות יון' און 'גלות אדום', וואס לויטן חיצוניות'דיגן בליק קוקט דאס אויס ווי דער גרעסטער 'הסתר פנים', עס האט זיך דאך נעבעך אפגעטון אזויפיל 'הסתרות' און 'העלמות' אויפן כבוד שמים - דורכאויס אלע דורות - רופן מיר אבער אויס דעם אמת: **"מעוז צור ישועתי לך נאה לשבח"** - דער רבונו של עולם איז אלעמאל געווען מיט אונז! ער האט אלעס געפירט מיט א פונקטליכע השגחה! מען איז מגלה דעם 'פנימיות' און דעם 'אמת' פון די אלע גליות.

## 'בטחון' איז דער פועל יוצא פון א שטארקע 'תיקון ההוד'

דערנאך זאגט מען פארשידענע מזמורים וועלכע האבן שייכות מיט 'מדת הבטחון' - **"אומר לה' מחסי ומצודתי אלקי אבטח בו", "אין המלך נושע ברוב חיל גבור לא ינצל ברב כח"**. וואס דאס גייט צוזאמען מיט 'הוד'; ווייל 'בטחון' מיינט, אז ער גלייבט אזוי שטארק אינעם אויבערשטן - ווען מען זעט נישט בחיצוניות, ביז ער שפירט זיך פארזיכערט מיט אים! ער לעבט אזוי שטארק מיט דעם 'אמת' און 'פנימיות' פון דער וועלט - אז אלעס איז געוואנדן נאר אינעם רבונו של עולם - ביז ווען דאס ווערט די איינציגסטע זאך אויף וואס זיך צו פארלאזן! דערפאר זעט מען אז דער דגל פון די 'חשמונאים' איז געווען: "מי כמוך באלים ה'" - דער אויבערשטער איז אונזער שטארקייט! ווייל זייער גאנצער שטארקייט ארויסצוגיין אין מלחמה איז געקומען פון א מורא'דיגע דרגא אין בטחון.

## מען איז מוסיף אויף די עזרה – מען מאכט אונזער היים פאר א בית המקדש

מען האט פריער גערעדט, אז דער 'שלימות ההודאה' איז נאר געווען אין בית המקדש. און דערפאר שטייט אין ספרים הק', אז חנוכה וואס איז 'תיקון ההוד' און מען איז עוסק אין 'הודאה' ביי די חנוכה לעכט - ווערט יעדע אידישע שטוב נתקדש בקדושת בית המקדש! בפרט ווען מען צינדט אָן די מנורה - וועלכע איז א המשך צו די מנורה פונעם בית המקדש; ווי דער רמב"ן זאגט (פר' בהעלותך), אז דער 'שלך לעולם קיימת', מיינט דעם 'נר חנוכה'. און די גמרא זאגט (שבועות ט"ז ע"ב), אז ווען מען האט מוסיף געווען אויף בית המקדש האט מען געזאגט דעם קאפיטל 'יושב בסתר' און 'מזמור שיר חנוכת הבית לדוד', און דורכדעם האט מען 'מקדש' געווען די נייע הוספה. דערפאר, שטייט פון צדיקים, אז דאס איז א טעם פארוואס מיר זאגן דעם קאפיטל 'יושב בסתר' און 'מזמור שיר חנוכת הבית לדוד' ביי די חנוכה ליכט, ווייל יעצט זענען מיר מקדש אונזער שטוב מיט 'קדושת בית המקדש', וואס דורכדעם קענען מיר דאנקען און לויבן פון טיפן הארצן.

**'קוקן' איז נישט קיין טעכנישע 'פעולה', אבער דער כח דערפון איז גאר שטארק און איז עושה רושם אויפן גאנצן מענטש. וויבאלד ווען מען קוקט אויף א זאך, ווערט מען מקושר מיט דעם זאך מיט א טיפע התקשרות, ער ווערט נתאחד, מיט די קדושה נוראה פון די נירות חנוכה, די אור הגנוז.**

## פרסומי ניסא איז אזוי וויכטיג ביז צו פארקויפן די בגדים דערפאר

אז מען איז זיך מתבונן אין הלכות חנוכה זעט מען א דבר נפלא. עס איז באקאנט, אז דער עיקר נקודה פון 'נרות חנוכה' איז 'פרסומי ניסא' - אז די חכמים האבן געוואלט אז דער נס זאל ווערן ברייט פארשפרייט איבער דער וועלט, יעדער זאל וויסן און רעדן דערפון. און דאס גיבט אריין די גאנצע הארבקייט דערין, אויף אזוי וויט, אז אויב א מענטש האט נישט קיין געלט צו קויפן חנוכה לעכט - דארף ער גיין נאך געלט אדער אפילו פארקויפן זיינע בגדים, כדי ער זאל קענען צינדן חנוכה לעכט! ווייל ווען עס קומט צום ענין פון 'פרסומי ניסא' - זענען חז"ל גאר שטארק מחמיר.

## אויב אזוי, פארוואס 'כבתה אין זקוק לה'?

פון צווייטן זייט טרעפן מיר אן אינטערעסאנטע הלכה: **"כבתה אין זקוק לה"** - אויב די חנוכה לעכט האט זיך אויסגעלאשן, דארף מען עס נישט צוריק אנצינדן. לכאורה,

ווי שטימען די צוויי זאכן?! אויב עס בלייבט אויסגעלאשן - איז דאך נישטא דא קיין 'פרסומי ניסא'?! לאמיר זיך פארשטעלן, אז א גרויסער ארימאן וועלכער האט נישט געהאט קיין געלט פאר חנוכה לעכט, אבער כדי מפרסם צו זיין דעם 'נס' - האט ער זיך אויסגעקראצט און פארקויפט זיינע לעצטע ביסל חפצים, כדי צו קענען קויפן אביסל אויל מיט קנויטן. ענדליך גייט ער שוין מקיים זיין די מצוה, ער מאכט א שהחיינו מיט א גרויסע שמחה, ער צינדט אָן די לעכט, און באלד קומט צו בלאזן א ווינט און לעשט עס אויס... זאגט די הלכה, אז ער דארף עס נישט צוריק אנצינדן! ווי קען זיין אזא זאך?! דא דרייט מען איבער א וועלט 'כדי לפרסם הנס', און דא ווערט מען פלוצלינג אזוי קאלט צו די גאנצע זאך?!

## זיין בטל צום 'דעת תורה' איז וויכטיגער פון 'פרסומי ניסא'

**דער תירוץ איז:** וויבאלד דער גאנצער ענין פון חנוכה איז 'תיקון ההוד', אז דער מענטש זאל זיך מכניע זיין און מבטל זיין דעם אייגענעם שכל צום 'אמת' און צום 'פנימיות' פון דער בריאה, וואס דאס איז די תורה הק'. דערפאר האבן די חז"ל דייקא אוועקגעשטעלט אזא סארט הלכה וועלכע איז ממש נישט פארשטענדליך פארן 'שכל אנושי', ווייל אט דאס איז דער גרעסטער תיקון וואס מען קען טון חנוכה, אז מען נעמט דעם 'שכל אנושי' וועלכע פארשטייט פאר אזא פשטות, אז מען דארף נאכאמאל אנצינדן די חנוכה לעכט, און מען איז דאס מבטל צום 'דעת תורה' וועלכע זאגט אז מען דארף עס נישט אנצינדן נאכאמאל! אט דער 'תיקון ההוד' איז נאך גרעסער פון 'פרסומי ניסא', ווייל מיט דעם האט ער אויפגעטון דעם גאנצן 'פנימיות' פון 'הדלקת הנרות'.

## יעדעס מאל וואס א איד איז זיך מבטל צום 'דעת תורה' ווערט יעצט חנוכה

**געבן די לעכט ארויס רוחניות'דיגע שטראלן פונעם 'אור הגנוז', וועלכע מאכן פשוט ליכטיג די אידישע נשמה! עס באלייכט דעם גאנצן איד!**

און ווי געזאגט, קען מען אויך א גאנץ יאר מאכן חנוכה. אז ווען אימער עס מאכט זיך ביי א מענטש, אז זיין 'שכל אנושי' פארשטייט מיט א קלארקייט א געוויסער מהלך, אבער די תורה זאגט אנדערש ווי זיין שכל, עס טוט זיך אפ א מלחמה צווישן 'דעת תורה' און 'דעת בעל הבית', און צום סוף איז דער צד הקדושה מנצח די מלחמה, אז ער איז מבטל זיין שכל צו 'דעת תורה' - איז יעצט געווארן חנוכה! ער ברענגט יעצט אראפ די אלע אורות פון די העכסטע עולמות וואס די חשמונאים האבן ממשיך געווען - לויט אלע גילוים וואס אלע ספרים זענען מגלה דעריף, די י"ג מדות של רחמים, די ש"ע נהורין, וכדומה. דאס אלעס ווערט יעצט נמשך צו אים פריוואט אין זיין פלאץ וואו ער שטייט, וויבאלד ער האט יעצט געלייקענט אין 'חיצוניות' און זיך מבטל געווען צום 'פנימיות'.

## פארוואס פרעגט ער 'מאי חנוכה' ערשט צום סוף?

אין דער 'חנוכה גמרא' אין מסכת שבת, טוט זיך דארט א גאנצע סוגיא פון אלע הלכות חנוכה, 'כבתה', 'מהדרין ומהדרין מן המהדרין', און נאך הלכות חנוכה. דערנאך גיבט די גמרא א פרעג: "מאי חנוכה" - וואס איז דאס חנוכה?! דער אויסשטעל פון דער סוגיא איז א גרויסע פלא, אז קודם רעדט מען פון אלע הלכות חנוכה, און דערנאך הייבט ער אָן מיט די א-ב וואס איז בכלל דער יום טוב חנוכה, ער וואלט דאס געדארפט פרעגן די ערשטע זאך - נאך איידער ער הייבט אָן צו רעדן פון הלכות חנוכה?!

## דער עיקר חנוכה איז: קודם צינדט מען - אפילו אויב מען ווייסט נישט וואס חנוכה איז

**דער תירוץ איז:** אט דאס איז דער עיקר נקודה פון חנוכה - 'תיקון ההוד'. נאך איידער מען ווייסט פארוואס מען דארף בכלל צינדן און וואס איז דאס חנוכה בכלל - בין איך זיך קודם מבטל צו די תורה! די חכמים הייסן מיר צינדן - דארף איך גארנישט פארשטיין, איך גרייט אָן א מנורה און איך צינד חנוכה לעכט, און איך בין אפילו מהדר צו זיין פון די 'מהדרין מן המהדרין'. ערשט נאכן צינדן, פרעג איך: "מאי חנוכה" - וואס איז דער ענין פון די חנוכה לעכט?! ווייל די נקודה פון חנוכה איז: 'הכנעה' צום אמת פון דער תורה! אז כאטש וואס דער מענטש האט אן אייגענעם שכל וועלכער וויל פארשטיין יעדע זאך - האט ער אבער א כח העכער פון שכל, וועלכער זאגט: "איך מוז נישט פארשטיין! די תורה איז דער אמת און איך בין בטל דערצו!". און דאס איז פארקערט פון 'קליפת יון' וועלכע האבן אלעס געמוזט פארשטיין און מסביר זיין מיטן שכל, וואס זיי זענען די גרעסטע 'פגם ההוד' וועלכע מיר זענען מנצח חנוכה.

## דער ערשטער טאג איז כולל גאנץ חנוכה

עס שטייט פון קאזניצער מגיד, אז דער שפיץ חנוכה איז דער ערשטער טאג. ווייל דער ערשטער טאג איז כולל אין זיך דעם גאנצן חנוכה.

## פונקט דער ערשטער טאג ווייסט מען נישט קלאר פארוואס מען צינדט

עס איז באקאנט די קושיא פון בית יוסף, פארוואס מען צינדט דעם ערשטן טאג חנוכה, עס איז דאך נישט געווען דעמאלט קיין נס. אויף דער קושיא איז שוין גזאגט געווארן טויזנטער תירוצים. אבער נאך אלע תירוצים קען מען פרעגן א שטערקערע קושיא: פארוואס איז חנוכה אזא סארט יום טוב, וואס די ערשטע נאכט מוז מען צינדן אויף אן אופן, וואס מען פארשטייט נישט מיט א קלארקייט פארוואס מען צינדט?! מען מוז אנקומען צו תירוצים וועלכע זאלן מיישב זיין, פארוואס מען צינדט היינט - און א מענטש קען דאך נישט טראכטן בשעת מעשה פון די אלע הונדערטער תירוצים פארוואס מען צינדט היינט?! הא גופא קושיא, פארוואס איז דאס אזוי?!

**ערשט נאכן צינדן, פרעג איך: "מאי חנוכה" - וואס איז דער ענין פון די חנוכה לעכט?! ווייל די נקודה פון חנוכה איז: 'הכנעה' צום אמת פון דער תורה!**

## אט דאס איז דער נקודה פון חנוכה

**דער תירוץ איז:** טאקע דערפאר! דאס האט מען געוואלט פונעם גאנצן חנוכה, דו זאלסט צינדן - אָן פארשטיין פארוואס! ווייל דאס איז דער עיקר תיקון פון חנוכה, אז דיין חיצוניות'דיגער שכל פארשטייט נישט דעם טעם, און דו ביסט זיך מבטל צום 'פנימיות' פון דער תורה, און דו צינדסט בלויז מכח ביטול! און דערפאר זאגט דער קאזניצער מגיד, אז די ערשטע נאכט איז כולל גאנץ חנוכה, ווייל די אנדערע טעג פארשטייסטו שוין פארוואס דו צינדסט, אבער דער עיקר חשיבות איז דייקא דער ערשטער טאג, ווען דו פארשטייסט נישט וואס דא טוט זיך, און דאך צינדסטו! דאס איז די שפיץ נקודה פון חנוכה.

## יסוד פון חנוכה: נישט ווערן נתפעל פון חיצוניות

ווי גערעדט באריכות, חנוכה איז דער 'תיקון ההוד', וואס די נקודת העבודה דערפון איז, אז דער איד זאל נישט נתפעל ווערן פון די פאלשע חיצוניות פון וועלט - וואס פארשטעלט דעם אמת און פנימיות פון דער וועלט. נאר ער זאל

גלייבן באמונה שלימה אין דער פנימיות פון דער וועלט.

## די אייגענע געפילן ביי די חנוכה לעכט איז אויך 'חיצוניות' און מען טאר פון דעם אויך נישט נתפעל ווערן

**מען דארף וויסן:** דאס אליינס וואס א איד שטייט און צינדט אַן די חנוכה לעכט, און ער גלייבט אז מיט דעם מאכט ער א נחת רוח למעלה! ער גלייבט אז ער שאקלט אין אלע עולמות! און כאטש וואס ער שפירט גארנישט און פארשטייט גארנישט, ער קען נישט מסביר זיין מיט זיין קליינעם שכל וואס האט זיך יעצט געטוישט און וויאזוי דאס ארבעט, דאך 'גלייבט' ער אז ער איז יעצט ממשיך געוואלדיגע אורות דא אונטן - אט דאס איז דער גרעסטער 'אור החנוכה'! ווייל דאס איז דאך ממש 'תיקון ההוד', אז ער קוקט נישט אויף 'חיצוניות'! ער קוקט נישט אויף וואס ער שפירט און פילט, נאר אויף אלץ וואס שטייט אין ספרי קודש! דאס איז ביי אים דער אמת'ער מציאות!

## אור החנוכה קומט אראפ נידריג – טראץ וואס דער חיצוניות'דיגער מצב זעט נישט אויס אזוי

**אין אנדערע ווערטער:** אלע ספרים שרייבן, אז דער אור פון חנוכה קומט אראפ גאר נידריג, 'למטה מעשרה טפחים', אין 'חושך הלילה', אין 'רשות הרבים', וכדומה. וואס מיינט דאס אלעס פאר אונז?! דאס מיינט צו זאגן, אז די עבודה פון חנוכה איז, נישט נתפעל צו ווערן פונעם ארום! נישט צו קוקן אויב יעצט איז טאג אדער נאכט, אויב דא איז א 'רשות היחיד' אדער א 'רשות הרבים', אויב דא איז העכער 'עשרה טפחים' אדער נידריגער פון 'עשרה טפחים', ווייל דאס אלעס איז 'חיצונית'! ווען מען לעבט מיטן 'פנימיות' איז נישט קיין נפקא מינה וואו מען שטייט, דער אויבערשטער איז איבעראל! און די זעלבע זאך אינעם 'נפש האדם' - ווען מצד זיינע געפילן איז ער אין א מצב פון 'חשכות הלילה', אין א מצב פון 'שליטת הקליפות', אין א מצב פון 'למטה מעשרה טפחים' די מחשבות פאָרן אים ארום אין 'רשות הרבים', וכדומה - קומט אראפ דארטן דער 'אור החנוכה' וועלכע גיבט אים כח נישט נתפעל צו ווערן פון זיין מצב! ווייל דאס אלעס איז 'חיצוניות', און ווייזט בכלל נישט אויפן אמת! די חשיבות פון א מצוה איז בכלל נישט געבויעט אויף וואס ער פארשטייט און אויף וואס ער שפירט, נאר אויף וואס ער גלייבט! דער עיקר חשובות המצוה איז, אז כאטש וואס לויט זיין קליינעם 'שכל האנושי' זעט אים אויס, איז זיין חנוכה לעכט איז גארנישט ווערד, דאך איז ער זיך מבטל צום שכל התורה און צו די תלמידי בעש"ט, וועלכע האבן מגלה געווען אז דיין מצוה שיינט אין אלע עולמות - אפילו ווען דו ביסט טיף אין דער ערד 'למטה מעשרה טפחים'! און אט דער אמונה פשוטה וואס ער גלייבט אינעם 'אמת הפנימי' - וועלכע איז פארקערט פונעם 'שקר החיצוני', איז ממש די נקודה פונעם יום טוב חנוכה, 'תיקון ההוד'.

> **פרעגן א שטערקערע קושיא: פארוואס איז חנוכה אזא סארט יום טוב, וואס די ערשטע נאכט מוז מען צינדן אויף אן אופן, וואס מען פארשטייט נישט מיט א קלארקייט פארוואס מען צינדט?!**

## אורו של משיח וועט מגלה זיין למפרע אז עס איז קיינמאל קיין ריחוק נישט געווען

מען האט פריער גערעדט, אז דער אור פון חנוכה איז דער 'אורו של משיח', ערכתי נר למשיחי. מען פארשטייט דאס מיט די ווערטער וואס שטייט פון הייליגן ראפשיצער רב זי"ע, אז ווען משיח וועט קומען, וועלן מיר געוואויר ווערן אויף 'למפרע' - אויפן גאנצן גלות וואס

האט אונז אויסגעזען ווי כאילו מיר זענען ווייט פונעם אויבערשטן בתכלית הריחוק - אז די גאנצע זאך איז געווען א דמיון! אידישע קינדער זענען אלעמאל געווען נאנט צום אויבערשטן אויפן גרעסטן דרגא וואס איז נאר שייך! עס איז נישט מעגליך דאס צו פארשטיין יעצט - איידער דער אור ווערט נתגלה, ווייל דאס איז שוין דער אור און דער גילוי פון די גאולה, און דאס איז גאר א הויכער 'אור הגנוז'. אבער אט דער אור קומט אראפ יעצט חנוכה! דאס איז א גילוי פון דער 'גאולה' - אבער אויף א צורה וואס עס קען שוין נתגלה ווערן 'בזמן הגלות'! און דאס איז דער אור פון די ג' יחודים דא אונטן אין אונזער מדרגה, וואס דאס מיינט די גרעסטע 'קרבת השם' וואס איז נאר שייך! און יעצט ווערט טאקע נתגלה, אז דא אין אונזער נידריגער מצב, זענען מיר נאנט צום אויבערשטן מיטן גרעסטן נאנטקייט! עס ווערט נתגלה, אז 'יש לנו חלק באלקי ישראל'! און וויבאלד דער גילוי איז 'אורו של משיח', דערפאר קען דאס אראפקומען 'למטה מעשרה טפחים', וואס געווענליך קומט נישט די שכינה אראפ אזוי נידריג, אבער וויבאלד דאס איז אזא הויכער אור - רעכנט זיך עס נישט מיט קיין שום כללים! דער 'אורו של משיח' ברעכט דורך אלע מחיצות און אלע הגבלות! דאס קומט אָן אפילו צו אזעלכע וועלכע דארפן נאך א גרויסע תשובה און זענען בכלל נישט ראוי; ווי עס שטייט אין ספה"ק דברי חיים, ווייל דער אור שטעלט זיך נישט אפ פאר גארנישט, נאר גייט אריין אין די נידריגסטע מקומות און באלייכט דארטן, מיטן גרעסטן כח.

**מצד זיינע געפילן איז ער אין א מצב פון 'חשכות הלילה', אין א מצב פון 'שליטת הקליפות', אין א מצב פון 'למטה מעשרה טפחים' די מחשבות פאָרן אים ארום אין 'רשות הרבים'**

דער אור גייט קעגן אלע 'חוקי טבע רוחניים' – וויבאלד די חשמונאים זענען געגאנגען קעגן אלע 'חוקי הטבע'

**שטעלט זיך א שאלה:** ווי קען טאקע זיין אזא 'גילוי אור' אין 'גלות'?! עס שטימט דאך נישט מיט די געווענליכע כללים?! דער תירוץ איז: די סיבה פארוואס חנוכה איז מען טאקע זוכה צו אזא גרויסן אור - וואס איז ממש 'שלא לפי ערך המקבלים' - איז צוליב דעם **'אתערותא דלתתא' וואס די חשמונאים האבן געמאכט בשעתם. ווייל באמת זייער ארויסגייין אין מלחמה האט נישט געשטימט פון קיין שום זייט... מצד 'שכל האנושי' איז עס געווען אפגעפרעגט פון אויבן ביז אונטן! עס איז געווען קעגן יעדן סארט 'כלל' פון אלע 'כללי המלחמה', נאר זיי האבן אוועקגעלייגט דעם גאנצן שכל, און געגאנגען 'קאפ אין וואנט' מיט מסירת נפש,** כדי צו מלחמה האלטן פאר כבוד שמים. דערפאר האבן זיי זוכה געווען ממשיך צו זיין אזא סארט אור וועלכע גייט אויך קעגן יעדן סארט 'כלל' פון אלע 'כללי האורות'! דער אור ברעכט דורך יעדע סארט מחיצה, און קומט אראפ למטה למטה צו יעדן איד אין יעדן מצב, און באלייכט אים מיט די גרעסטע אורות.

## פרק ח'

# כי ארכה לנו השעה: יו"ט חנוכה גיבט אונז חיזוק ספעציעל הייניגע צייטן

### ווי שווער עס איז א גאנץ יאר – אזוי לייכט איז עס חנוכה

דער 'תמצית היוצא' פון אלעס וואס מען האט גערעדט ביז אהער איז: דער עיקר נקודה פון יום טוב חנוכה איז דער ענין פון 'תיקון מדת הוד'. ווייל די מדה פון הוד האט געליטן א ספעציעלן 'פגם' - מער פון אלע מדות, און דערפאר איז דער 'חיצוניות' פון דער וועלט זייער א שטארקע קליפה וועלכע פארדעקט אויפן 'פנימיות' און 'אמת' פון דער וועלט, און עס איז אונז זייער שווער לויז צו ווערן פון דער חיצוניות. אבער חנוכה איז פאראן א 'תיקון הוד', וואס דער 'פנימיות' שיינט און לייכט, און דעמאלט האבן מיר כח זיך מבטל צו זיין צום אמת און וויסן מיט א מורא'דיגע קלארקייט אז דאס איז דער עכטער מציאות, און נישט דאס וואס מען זעט מיט די אויגן.

> **מצד זיין 'שכל האנושי' וואלט ער זיך יעצט געדארפט מייאש זיין פון זיין אן ערליכער איד, ווייל ער האט דאך שוין אזויפיל מאל פרובירט**

### פון חנוכה נעמט מען כח אויף א גאנץ יאר

יעדער יום טוב גיבט כח פאר א גאנץ יאר. לדוגמא: פסח (סדר הזמנים) פארערעכט מען 'מדת החסד', און דורכדעם קענען מיר א גאנץ יאר (סדר הימים) לעבן מיט דער ריכטיגער אהבה דקדושה, און אזוי ביי אלע ימים טובים. חנוכה ווערט פאררעכטן 'מדת הוד', און דאס גיבט אריין כח אויף א גאנץ יאר, אז מען זאל זיך קענען מבטל זיין צום אמת'דיגן מציאות וועלכע איז באהאלטן אינעווייניג אין דער 'פנימיות' פון דער וועלט, און אונזער גאנצע לעבן זאל ווערן געפירט לויט דעם אמת. און דעמאלט איז מען מתקן אלע 'עולמות' אויבן און אונטן - וויבאלד מען האט געניצט די 'מדה' פון 'הוד' צו מגלה זיין דעם אויבערשטן און נישט מסתיר צו זיין דעם אויבערשטן, וואס דאס איז די 'תכלית הבריאה' אז אלע 'עשר ספירות' זאלן דינען אלס 'גילוי' מגלה צו זיין דעם אויבערשטן.

### פון חנוכה דארף מען נעמען חיזוק אויף די פשוט'ע ווינטערדיגע וואכן טעג

**אין אנדערע ווערטער:** וויפיל מען זאגט, אז דער 'אור החנוכה' קומט אראפ ביז אונטן צו די נידריגסטע מדרגה - אבער נאך אלעמען איז חנוכה פארט א יום טוב, מען צינדט לעכט, מען זאגט הלל, מען שמועסט מער דברי תורה און עניני חנוכה, וכדומה. ממילא איז דעמאלט לייכטער צו זיין בטל צום אמת פון דער בריאה. אבער נישט אלעמאל איז מען אויף דער מדרגה

פון חנוכה. במשך פונעם יאר האט א מענטש פארשידענע זמנים און מצבים, ער האט בעסערע צייטן און שוואכערע צייטן, מצבים פון 'עליות' און מצבים פון 'ירידות'. און דער עיקר נקודה פון חנוכה איז, אז מען זאל זיך מיטנעמען כוחות און חיזוק - אויך אויף די שוואכסטע צייטן - זיך מבטל צו זיין צום 'אמת' און צום 'פנימיות' פון דער בריאה.

## וויאזוי קען מען זיין בטל צו פנימיות – בשעת ווען מען איז שקוע אין חיצוניות?

**לכאורה איז שווער:** וויאזוי איז שייך אזא זאך, אז בשעת ווען א מענטש איז אין א גאר שוואכן מצב, וואס ער איז נעבעך ארייגעפאלן אינעם 'חיצוניות' פונעם 'עולם הזה' - בפרט אז עס קומט אים אָן אזוי שווער צו דינען דעם אויבערשטן, און ער האט שוין אזויפיל מאל פרובירט און דורכגעפאלן, ווי זאל ער דעמאלט זיין בטל צום 'אמת' און 'פנימיות'?! ער איז דאך ממש אין א פארקערטע מצב?!

## אפילו אויב בגשמיות ביסטו שקוע אין חיצוניות – זיי נישט שקוע אין די חיצוניות'דיגע כללים פון עבודת ה'

**דער תירוץ איז:** מצד זיין 'שכל האנושי' וואלט ער זיך יעצט געדארפט מייאש זיין פון זיין אן ערליכער איד, ווייל ער האט דאך שוין אזויפיל מאל פרובירט, און דאך איז ער ווידעראמאל בשפל המצב! קומט אויס, אז זיין גאנצע עבודת ה' - צו טון דאס וואס ער קען יא טון, און האפן אויף א ישועה, אז ער וועט נאך אמאל זיין אן ערליכער איד - איז קעגן אלע 'כללים' פון דער 'חיצוניות' פון עבודת ה', און קעגן יעדן מין 'שכל האנושי', אבער דאס איז וואס מיר דארפן ארויסנעמען פון חנוכה, נישט צו קוקן אויפן

**וועלן מיר היינט אויך זוכה זיין אראפצוברענגען אויף אונז אזעלכע הויכע אורות וועלכע איז העכער פון 'סדר השתלשלות'! עס איז העכער פון אלע כללים! וואס אט דאס איז דער 'אורו של משיח' וועלכע וועט דורכברעכן דעם גאנצן הסתר פנים פונעם גלות**

חיצוניות און אויף אונזער אייגענע שכל - אפילו אין עבודת ה'! נאר אלעמאל זיין פארנומען מיטן 'אמת' - לויט דער יעצטיגער מדרגה וואו מען געפונט זיך! א מענטש דארף זיך שטארקן און זאגן: "לאמיר טון וואס איז 'יעצט' ריכטיג, ווייל דער אמת איז אז מען קען אלעמאל דינען דעם אויבערשטן - אפגעזען וואס דער 'שכל אנושי' זאגט דערצו!". און אט דער הנהגה איז 'תיקון ההוד', און איז ממשיך דעם אור פון חנוכה.

## אין די טרוקענע זמנים מוז מען זיך מחזק זיין מיט חנוכה – מען וויל מיר יא פון הימל

אפילו ביי א אינגערמאן וועלכער איז אן ערנסטער עובד ה', איז אויך שייך דער גאנצער חיזוק פון 'הוד'. ווייל ביי יעדן עובד ה' מאכט זיך, אז עס קען דורכגיין לאנגע תקופות וואס ער שפירט נישט קיין שום ליכטיגקייט אין עבודת ה'! ער שפירט נישט קיין טעם אין קיין דאווענען, קיין טעם אין א שבת, אלץ גייט צו מיט א טרוקנקייט. און דער יונגערמאן קען טראכטן ביי זיך: "ווייזט אויס אז פון הימל וויל מען נישט מיין עבודת ה'! איך בין נישט אזוי חשוב ביים אויבערשטן! מען וויל מיר דערווייטערן פון צו זיין א דערהויבענער אינגערמאן! איך בין נישט ראוי דערצו, איך דארף זיין בלויז א פשוט'ער בעל הבית!". אבער פון חנוכה באקומט מען כח צו פארשטיין, אז דאס איז בלויז דער נוסח וואס דער 'חיצוניות' און 'שכל אנושי' זאגט. אבער דער 'פנימיות' זאגט: "עס איז נישטא אזא זאך אז דער אויבערשטער וויל מיר נישט און איז מיר נישט מחשיב! דער 'אמת' איז קובע, אז יעדער איד איז טייער און איז ראוי צו זיין דער גרעסטער צדיק! און אפילו אויב מיטן אויג זעט עס מיר אויס אנדערש - בין איך זיך מבטל צום ליכטיגקייט פון דעם פנימיות!". אין אזא פאל

האט דער אינגערמאן אויפגעהויבן זיין גאנצע עבודת ה' צו א פלאץ וועלכע איז העכער פון 'שכל אנושי', און מיט דעם האט ער מתקן געווען 'מדת ההוד'.

## דער כח פון כלל ישראל אין אזא לאנגער גלות – אור החנוכה נישט צו קוקן אויפן חיצוניות'דיגן בילד

**די זעלבע זאך איז אויך נוגע בכלליות:** דער כלל ישראל גייט דורך אזויפיל שוועריקייטן בכלליות ובפרטיות, בגשמיות וברוחניות. פון טאג צו טאג ווערט שווערער און שווערער אנצוהאלטן מיטן אידישקייט און גארנישט נאכצולאזן. אבער אידישע קינדער רעכענען זיך נישט מיט גארנישט אויף דער וועלט! זאל זיין וואס זאל זיין, זיי גייען אָן ווייטער מיט א פעסטקייט, מען איז זיך מחדש נאכאמאל און נאכאמאל, מען לערנט, מען דאווענט, מען טוט רצון ה' און מען פרובירט צו זיין ערליך. און כאטש וואס מצד דער פארשטענדליכער 'שכל אנושי' וואלט מען שוין לאנג געדארפט אויפגעבן, דאך קוקן מיר נישט אויף גארנישט! מיר רעכענען זיך נישט מיט קיין שום שכל, נאר מיר גייען אָן מיט א געוואלדיגע שטארקייט אין אלע ענינים פון אידישקייט, און מיר זענען כסדר 'מוסיף והולך' - בלויז ווייל דאס איז דער 'אמת'! אט די הנהגה איז 'תיקון ההוד'! און פונקט ווי ביי די 'תקופת היונים' האבן די חשמונאים ממשיך געווען דעם 'אור החנוכה' וואס איז העכער פון שכל - דייקא מיט אט דער הנהגה וואס מען רעכנט זיך נישט מיט קיין שום כללים, אזוי אויך, **וועלן מיר הייגט אויך זוכה זיין אראפצוברענגען אויף אונז אזעלכע הויכע אורות וועלכע איז העכער פון 'סדר השתלשלות'! עס איז העכער פון אלע כללים! וואס אט דאס איז דער 'אורו של משיח' וועלכע וועט דורכברעכן דעם גאנצן הסתר פנים פונעם גלות, און זיך נישט רעכענען מיטן 'חשכות הגלות'; ווי דער פסוק זאגט: "אז יבקע כשחר אורך".**

## קליפת אמעריקע איז קליפת יון – מען מאכט א מצב פונעם חיצוניות

אין אונזערע צייטן איז דער יום טוב חנוכה א ספעציעלער חיזוק - מער ווי פארצייטנס. ווייל עס איז נאכנישט געווען דורכאויס דעם לאנגן גלות, אזא זמן ווי היינט, וואס עס חזר'ט זיך פשוט איבער דער גאנצער 'קליפת יון'. ווייל 'קליפת אמעריקע' איז ממש דער זעלבער געדאנק ווי 'קליפת יון'. אמעריקע איז איין שטיק 'חיצוניות'! די שיטה איז, אז מען דארף נאכלויפן ווי מער 'גשמיות' און 'תאוות'! די שיטה איז, אז ווי מער 'כמות' און 'גרויסקייט' - אלץ חשוב'ער! ווי מער דו קענסט זיין א בלאפער און רעדן דיפלאמאטיש און שיין - אָן מיינען קיין טראפ אמת - אלץ גרעסערער מוצלח ביסטו! אמעריקע איז 'כולו חיצוניות', און זיי געוועלטיגן היינט אויף דער גאנצער וועלט. דאס איז דער גלות האחרון פון 'עשו הוא אדום'.

"לשנה אחרת קבעום יום טוב" - אויב איז מען זוכה אריינצונעמען אין זיך דעם 'יום טוב חנוכה', האט מען א 'שנה אחרת'! דאס גאנצע יאר איז אנדערש!

## אין דער היימישער גאס קומט אויך אריין דער קליפה פון אמעריקע

דער קולטור פון דער אמעריקאנער גוי, קומט גאר שטארק אריין צווישן אונז היימישע אידן. אין כמעט יעדע אדווערטייזמענט וואס הענגט אויפן גאס, און אין כמעט יעדע אויסגאבע וואס קומט ארויס - ליגט דערין אסאך 'חכמת יון'. מען מאכט א בילד פון א געוויסער 'מאכל' וועלכע איז לעצטנס ארויסגעקומען, און מען בלאזט דאס אויף מיט א גרויסן טראסק. אדער ווייזט מען א בילד פון א געוויסן זינגער, וכדומה פון אנדערע תאוות. דאס הייסט, אז היינט דארף מען נישט פארקויפן פארן עולם קיין שום אינהאלט און קיין שום העכערקייט, נאר בלויז גראבע גשמיות! און דאס פארקויפט מען אלס 'גליק' און אלס 'תכלית החיים'! אזעלכע אדווערטייזמענטס שרייען אויס 'חכמת יון' מיטן גאנצן שטארקייט, דער צעטל זאגט: 'גשמיות' איז אן עכטע זאך! 'חיצוניות' איז דער מציאות פון דער וועלט!

## אור החנוכה גיבט אונז כח צו זיין שטארק דערקעגן א גאנץ יאר

יעדער חסיד'ישער אינגערמאן היינט, איז א 'חשמונאי'! ער שטייט און איז לוחם מיט 'יון'! ער זאגט: "איך ווער נישט נתפעל פון דעם אדווערטייזמענט! דער צעטל רעדט נישט צו מיר! ווייל די עכטע וועלט זאגט, אז בלויז 'פנימיות' האט א חשיבות! בלויז זאכן וועלכע בלייבן לנצח נצחים - האט א ווערד! נאר דאס זענען עכטע זאכן! נאר א זאך וואס האט א העכערקייט און אינהאלט איז ביי מיר חשוב! 'נצחיות' איז בלויז א 'צדיק', א 'שבת', א 'יום טוב', א 'בלאט גמרא', א 'מצוה', א 'שבירת המדות', וכדומה. נאר דאס איז עכטע זאכן! ווידעראום, די אלע זאכן מיט וואס די וועלט איז פארנומען - איז הויל 'חיצוניות' און 'דמיונות', און עס קומט פון די יוונים!". און דאס איז תמידיות'דיגע מלחמה יעדן איינציגסטן טאג, ווייל יעדעס מאל וואס מען באגעגנט זיך מיט דער חיצוניות'דיגער וועלט - ווערט א פרישע מלחמה, און מען מוז נאכאמאל לוחם זיין דערמיט. און יעדעס מאל וואס מען לאכט אפ פון דער 'חיצוניות' - איז מען דעמאלט מעורר א ניצוץ פון די חשמונאים, און עס ווערט דעמאלט 'אור החנוכה'! ער איז דעמאלט ממשיך דעם 'אור הגנוז'!

## דער יו"ט חנוכה מאכט אז דאס גאנצע יאר זאל זיין אנדערש

דעם 'כח המלחמה' אויף א גאנץ יאר - נעמט מען פונעם אור וואס מען איז זוכה אריינצונעמען אין זיך בימי החנוכה; ווי די גמרא זאגט: **"לשנה אחרת קבעום יום טוב"** - אויב איז מען זוכה אריינצונעמען אין זיך דעם 'יום טוב חנוכה', האט מען א '**שנה אחרת**'! דאס גאנצע יאר איז אנדערש! מען האט כח א גאנץ יאר זיך צו האלטן מיטן אמת, און נישט נתפעל ווערן פון קיין שום 'חיצוניות'! און דורכדעם וואס מען איז כסדר מכניע די קליפה פון יון, וועט מען צום סוף באזיגן די גאנצע מלחמה ביזן סוף און ברענגען משיח.

## די גאנצע וועלט איז רמזים אויף קרבת ה'

עס איז באקאנט פונעם בעש"ט הק', אז פון יעדע זאך וואס מען זעט אין דער וועלט, דארף מען זיך ארויסנעמען א מוסר השכל אויף עבודת ה'. ווייל אלעס וואס טוט זיך ארום און ארום, איז אלעס נאר רמזים וואס דער אויבערשטער וואונקט אונז, כדי אונז מקרב צו זיין צו אים.

> **גרויסע סעילס אין אלע געשעפטן, אין די גאסן און אין בית המדרש, באגעגנט מען זיך מיט פלאקאטן, אז מען קען יעצט כאפן 'מציאות'! דא שטייט דאך ממש דער גאנצע סוד פון חנוכה**

## די סעילס שרייען צו אונז: עס זענען טעג וואס מען קען כאפן גרויסע מציאות!

אין די טעג ארום חנוכה איז אלעמאל דא גרויסע סעילס אין אלע געשעפטן, וואס מען פארקויפט זאכן פאר ביליגער. און איבעראל וואו מען גייט, אין די גאסן און אין בית המדרש, באגעגנט מען זיך מיט פלאקאטן, אז מען קען יעצט כאפן 'מציאות'! זאכן וואס געווענליך קאסט טייער און מען קען זיך דאס נישט ערלויבן - קען מען יעצט באקומען פאר גאר ביליג! דא שטייט דאך ממש דער גאנצע סוד פון חנוכה, אז די העכסטע 'אורות' - וואס א גאנץ יאר איז שווער אנצוקומען דערצו, נישט יעדער קען זיך ערלויבן צו גרייכן ביז אהין, אבער אין די טעג פון חנוכה קומט פאר א גרויסע סעיל... די העכסטע אורות קומען אראפ דא אונטן, און יעדער קען זיך ערלויבן צו האבן שייכות דערמיט און עס 'קונה' זיין.

## דער זיידע פון אויבן טיילט השפעות טובות!

היינט איז אויך געווארן שטארק איינגעפירט, אז די גאנצע משפחה גייט ארויף צום זיידן. און עס איז גאר א גרויסער עסק ארויפצוגיין צו די זיידעס - מער פון א גאנץ יאר, און דער זיידע טיילט חנוכה געלט פאר די אייניקלעך. דאס איז מרמז דעם סוד וואס דער אר"י הק' איז מגלה, אז אין די נעכט פון חנוכה ווערט נתגלה דער עולם וועלכע רופט זיך 'זקן מלא רחמים', וואס פון דארט קומט אראפ די י"ג מדות של רחמים - וועלכע איז א געוואלדיגע השפעה פון רחמים וחסדים. און דאס איז דער מנהג, אז דוקא דער זיידע איז משפיע גוטע זאכן פאר די אייניקלעך, וואס זיי זענען דא אונטן אין 'עולם התחתון'.

**דער זיידע טיילט חנוכה געלט פאר די אייניקלעך. אין די נעכט פון חנוכה ווערט נתגלה דער עולם וועלכע רופט זיך 'זקן מלא רחמים', וואס פון דארט קומט אראפ די י"ג מדות של רחמים**

## דער גרויסער טאטע לאזט זיך אראפ צו דער דרגא פון די קינדער

און מהאי טעמא איז אויך איינגעפירט חנוכה, אז דער טאטע טיילט חנוכה געלט און מתנות פאר די קינדער. דאס איז מרמז, אז 'אבינו שבשמים' טיילט אויך גוטע השפעות און מתנות פאר אונז זיינע באליבטע קינדער. אזוי אויך איז איינגעפירט ביי געוויסע משפחות אין די ימי החנוכה, אז דער טאטע לאזט זיך אראפ און שפילט מיט די קינדער אויף זייער דרגא - מער פון א גאנץ יאר. דאס איז מרמז אויף דאס וואס שטייט אין ספה"ק מאור עינים, אז חנוכה איז זיך דער רבונו של עולם כביכול משפיל ביז צום נידריגסטן איד צו זיין מדרגה, און פון דארט הייבט ער אים אויף און שיינט אריין אין אים דעם 'אור הגנוז'.

## דער טאטע וויל אז אלע קינדער זאל קומען צוזאמען צו דער מסיבה – לא ידח ממנו נדח

היינט איז אויך געווארן שטארק איינגעפירט, אז מען פראוועט א 'חנוכה מסיבה' וואו אלע בני משפחה קומען זיך צוזאם מיטן טאטן אינאיינעם און מען פארברענגט לכבוד חנוכה. און כאטש וואס אסאך מאל קומט אָן זייער שווער אויסצורעכענען פונקט איין נאכט וואס 'אלע' קינדער זאלן קענען קומען, און קיינער זאל נישט פעלן - דאך איז דער טאטע נישט מוותר אויף דעם, און ער וויל דוקא אז יעדער פון זיינע קינדער זאלן מיטהאלטן. דאס איז דאך ממש דער סוד וואס טוט זיך אפ אין די טעג פון חנוכה, וואס דער רבונו של עולם איז נישט מוותר אויף קיינעם פון זיינע קינדער, נאר ער לאזט זיך אראפ צו יעדן איד, יהיה מי שיהיה, נישט קיין חילוק אין וועלכן חושך ער ליגט - שיינט ער אים אריין דעם 'אור הגנוז', אים צו דערהייבן און מקרב זיין צו זיך; ווי עס שטייט אין מאור עינים, און דברי חיים און אין אלע ספרים הקדושים.

זאל דער אויבערשטער טאקע העלפן, אז מען זאל שוין זוכה זיין צום 'כי לא ידח ממנו נדח', דער רבונו של עולם זאל שוין צוזאמנעמען זיין גאנצע משפחה פון כלל ישראל, און מען זאל שוין זוכה זיין צום 'ערכתי נר למשיחי' בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.